42 Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. • עלפטער יאָהרגאַנג. • פרייז 20 גראָשען. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

Bibljoteka Jagellońska
Kraków
Św. Anny 19

טשענסטאָכאָווער צייטונג

ערשיינט יעדען פרייטאָג.
רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:
ערשטע אַלעע 6. — טעלעפאָן 201.

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

Piątek, d. 14 października 1932 — ליכט-צינדען 4.32 — פרייטאָג, ערב סכות י"ז' תשרי תרצ"ג.

ושמחת בחגך!

ווילסטו האבען פריילֿיכע ימים - טובים,
פערגעס נישט צו קויפען א לאָס פון דער
26-טער מלוכה-לאָטעריע,
וועלכע האט מיט'ן נייעם אויסגעבעסערטען פלאַן ארויסגע-
רופען גרויס אינטערעס אין גאַנץ פוילען.

דאס גרעסטע געווינס

1.000.000 זל.

א סך פּרעמיעס. אלע געווינסען בעטרעפען:

23,680,000 zł.

Kantor wymiany i Loterji

J. WEKSLER, ALEJA 6.

דאס גרעסטע געווינס א מיליאָן זלאָטעס

אלע געווינסען בעטרעפען 23,680,000 זל.

א גאַנצער לאָס	א האַלבער לאָס	א פערטיל לאָס
40 זל.	20 זל.	10 זל.

בּאַכדעם, וואס נאך אזוי פיעל יאהר בשותפות, פיהר איך היינט מיין
טוך און קאַרט-געשעפט אונטער דער פירמע

א. מ. לאסטמאן, אַלעע נר. 5

איינגאַנצען זעלבסטשטענדיג, שענק איך לכבוד דעם 50 זל.
פאר פאלגענדע אינסטיטוציעס: יודיש שפּיטאל 10 זל., יתומים-חויז 10 זל., „טאָז" 5 זל., „בית לחם" 5 זל., „עזרה" 5 זל., „לינת הצדק" 5 זל., „מזיקי הדת" 5 זל., אָכראַנקע 5 זל, גלייכצייטיג ווינש איך מיינע געערטע קונדשאפט א פרעהליכען יום-טוב.
מיט אכטונג א. מ. לאסטמאן, אלעע 5.

נוצט אוים די געלעגענהייט!

די איינציגע בּיליגסטע קוועלע, וואו מען קאן בעקומען אלערליי
מאַנופאַקטור = סחורות
איז נאר אין דער בעוואוסטער פירמע פון

לייב לעדערמאן, אלעע 7 №

נוצט דעריבער אויס די געלעגענהייט, און ביי די יעצטיגע שווערע
צייטען מאכט אייערע איינקויפען נור אין אונזער פירמע.
געדענקט די אדרעס:

L. LEDERMAN, ALEJA № 7.

צו דער אויפמערקזאמקייט!

איך מאך בעקאנט, דאס צוליעב דער בעקוועמליכקייט פון מיינע ג'
קונדען האב איך פערגרעסערט מיין ווערקשטאַט פון

דאמען־בעקליידונג

און פון 1-טען אקטאבער געעפענט א פּראַנט=לאָקאל אונטער די זעלבע פירמע

מ. סטאַווסקי, אלעע 12

וואו מען בעקומט צו גאנץ מעסיגע פרייזען די לעצטע נייהייטען
פון דאמען-מאנטעל, אלעס אייגענע אויסארבייטונג.
עס ווערט אויך אנגענומען אלערארט בעשטעלונגען פון אייגענע און אנ-
פערטרויטע סחורות.
M. STAWSKI, Aleja 12 מיט יאכטונג

דאס בעוואוסטע וואורשטען-געשעפט
דוד גאָלדבערג, אלעע 6

ווינשט די געעהרטע קונדשאפט, פריינד און בעקאנטע
א פריילֿיכען יום=טוב.
גלייכצייטיג בין איך מודיע, דאס צום ווינטער-סעזאָן וועט מיין געשעפט זיין פערזעהען יע-
דען טאג מיט פרישע רעקלאמירטע סחורה ווי: וואורשטען, אויפשניט, און פער-
שיעדענע מיעשאַנקעס „סאלאמי" און זעלצער וואורשט, ווי אויך וויע-
נער וואורשטלעך און קראקאַווסקע וואורשטלעך 2 מאל טעגליך פרישע.
גענזען-שמאלץ און ברוסט - שמאלץ צו זעהר ביליגע פרייזען.
איך האָף, אז די געעהרטע קונדשפט וועלען פון נייעם יאהר אָן מיר ווייטער שענקען צוטרוי.
מיט אכטונג דוד גאָלדבערג, אלעע 6.

אכטונג. אין דער 1 אלעע 13

איז ערעפענט געוואָרען א לאגער פון דער בעקאנטער טוך=פאַבריק

A. RAPAPORT i S-wie, BIELSKO

דער לאגער איז פערזעהען מיט א גרויסען אויסוואהל פון אלערליי מאָדערנע סחורות נור פון אייגענער אויסארבייטונג.
אלע סחורות ווערען פערקויפט צו אָריגינאל פאבריקס=פרייזען.
הורט! דעטייל! — איבערצייגט אייך! — געדענקט די אדרעס! 1-טע אלעע 13.

די בעוואוסטע פירמע פון הורט = קויהלען = פערקויף

י. מ. גרינפעלד, טשענסטאכאוו

טיילט מיט, אז זי האט איינגעפיהרט אויך
א פערקויף פון קויהלען דירעקט אן די קאָנסומענטען וועלכע ווערען אנגעפיהרט מיט פוהרען א היים.
ווי בעקאנט פיהרט די פירמע קויהלען פון די בעסטע גרובען און במשך איהר 30-יעהריגער עגזיסטענץ האט
זי זיך בעקאנט געמאכט מיט איהר סאָלידע און רעיעלע בעהאנדלונג.
מיט בעשטעלונגען זיך ווענדען: פילסודסקי 23, טעלעפאן 50=6.

דאס ניי=געעפענטע פוטער הורט=געשעפט

— — (אונטער דער פירמע) — —

CZĘSTOCHOWSKA HURTOWNIA FUTER, Sp. z o. o.

פילסודסקי גאס 11, טעלעפאן נר. 10=9

מאכט בעקאנט, דאס צום לויפענדען ווינטער-סעזאָן בעזיצט א רייכהאלטיגען לאגער פון אלערליי פוטער-סחורות
ווי: ביבּעראלען, נוטריעס, סקונקסעס, דובּלאנעס, פאקען, ביברעט, פלאטין, לוטער, האזען, טשעלאקעס, אמעריקאנער אָפּאָסען,
אין אלע מאָדערנע פארבען און פערשיעדענע אנדערע.
פערקויף אויסשליסליך אין הורט. ביליגסטע קאָנקורענץ-פרייזען.

צו דער אויפמערקזאמקייט פון די האַנדווערקער-צעכען.

די פערוו. פונ'ם קאָמיטעט צו בעקעמפען דאָס אומלעגאַלע פיהרען האַנדווערק אין טשענסטאָכאָוו
פאָדערט דערמיט אויף אלע האנדווערקער-צעכען אין טשענסטאָכאָוו צו בע-
לעגען אין סעקרעטאַריאט פונ'ם קאָמיטעט, אלעע 9, פּראָטאָקאָלירטע מיטטיי-
לונגען וועגען אומלעגאַל פיהרען האנדווערקער-ווארשטאַטען, בכדי אונטערצו-
נעהמען די געהעריגע שריט צו ליקווידירען די דאָזיגע ווארשטאטען.
די פערוואלטונג.

ושמחת בחגיך

טרינקען אלע וויין נאר פון דער בעוו. פירמע

שמואל גאָלד

ווארשאווער 11 אדער סטראושאצקא נר. 16.
אלע מיינע געעהרטע קונדען ווינש איך
א פריילֿעך יאהר.

בעקאנטמאכונג.

איך מאך בעקאנט דאָס טשענסט פּובליקום, דאס איך האב בעקומען פון דער הויפּט-דירעקציע
א קאָנצעסיע אויף דער מלוכה-קאָלעקטור אונטערן נומער 1040
און עס איז שוין ביי מיר צו בעקומען
לאָסען צו דער 1-טער קלאס פון דער 26-טער מלוכה-לאָטעריע.
קויפט דעריבער לאָסען נאר אין דער גליקליכער קאָלעקטור פון
מ. יאשינסקי, בערעק יאָסעלעוויטש גאס 5, פריהער אגראדאווע 10
וואו מען קאן געווינען 1,000,000 זל.
א גאנץ לאָס 40 זל., א האלבער לאָס 20 זל., א פערטיל לאָס 10 זל.
איך ווינש מיינע געעהרטע קונדשאפט א פרעהליכען יום-טוב.
געדענקט די אדרעס: M. Jasiński, Berka Joselewicza 10

שוין צו פערדינגען

2 צימער מיט א קוך אין פראָנט מיט א באלקאָן
2 איינגענג. אלטער מארק 28.
ערקונדיגען ביי ר. קאזשושניק.

וויכטיג פאר סוחרים און פאבריקאנטען!

דערמיט זענען מיר מודיע, אז מיר האבען געעפענט
אַנ'עקספּעדיציאָנס = הויז
א. ד. פ.
Biuro Ekspedycyjno - Transportowe
„EXPRESS", Panny Marji 4, tel. 29.
וואס ס'ווערט אָנגעפיהרט דורך א לאנג-יעהריגען ספּעציאליסט-פאכמאן.
אלעס ווערט ערלעדיגט שנעל, רעיעל און פונקטליך.

אונזער פריינד וויגדעל שפּאָלענדער
צום פריהצייטיגען טויט פון זיין ליעבע פרוי
נ"ע חנה רחל
דריקט אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל איטשע מאיר פעסאק און פרוי.

דער יום-טוב פון פרייד.

ושמחת בחגיך—דו זאלסט זיך פרעהען אין דיין יום-טוב. דאס איז א לאזונג, א געבאט צום יודישען פאלק. אין דעם יום-טוב פון פרייד, דעם זמן שמחתנו. דארפסטו זיך פרעהען, פערגעסען אין דיינע אלטעגליכע צרות און קלאפאטען, ארויסשלאגען זיך פון געדאנק דאס וואס קוועהלט און דריקט, און זיך בעמיהען צו זיין פרעהליך.

אבער דאס איז נישט קיין לייכטע זאך. עס לאזט זיך נישט זיין פרעהליך, עס איז נישט מעגליך צו זיין אויפגעלעגט אין דער צייט ווען מען איז ארומגערינגעלט מיט צרות און דאגות פון אלע זייטען, ווען דאס לעבען איז שווער און טיילווייז אויך אונערטרעגליך.

דאס יודישע לעבען אין גלות, כמעט אין אלע לענדער וואו יודען געפונען זיך, איז שטענדיג געווען אזוי אהערגעשטעלט, און האט זיך שטענדיג געפונען אין אזעלכע בעדינגונגען, אז א גאנץ קליינע צאהל יחידים, אויסנאהמען, האבען געקענט לעבען רוהיג, דער רוב אבער, די גרעסטע מעהרהייט האט געלעבט א לעבען פון וואקלעניש, פון צופעליגקייטען, און איז געווען אבהענגיג אין יעדען ווינטעל וואס האט געבלאזען, און וואס האט איהם געקענט אימווארפען און רואינירען.

איצט לעבט די גאנצע וועלט איבער א קריזיס, וועלכער האט זיך אבגערופען אויך אויף די לענדער וואס זענען געווען פינאנציעל פעסט אהערגעשטעלט, דאס גאנצע ווירטשאפטליכע לעבען וואקעלט זיך, די גרעסטע פון דורות לאנג איינגעפונדעווטע ריזען-פירמעס געהן אונטער און פאלען ווי קארטען-הייזלעך, און דאס יודישע לעבען, די יודישע ווירטשאפטליכע עקזיסטענץ שטעהט אויפ'ן ערשטען פייער און בעקומט די ערשטע פערניכטונגס-פייל, וועלכע מאכען אן חורבות, פערוויסטעניש אין די יודישע רייהען.

און דאס גייסטיגע יודישע לעבען?

דער אנטיסעמיטיזם, פערשטארקט זיך, די שנאה צום יודישען פאלק, וועלכע מען האט געקענט מיינען אז זי האט אויפגעהערט אבער ווייניגסטענס קלענער געווארען, האט זיך פערשטארקט, זעהר פערשטארקט און נעמט אן א קאטאסטראפאלען כאראקטער, שוין באלד אזוי ווי אין די צייטען פון מיטעלאלטער, מען פרעדיגט אפען אויסראטונג און פערניכטונג פון יודישען פאלק און פריי פאר דער גאנצער כלומר'שט ציוויליזירטער וועלט ארדענט מען איין פאגראמען און בלוט-פערגיסונגען אויף יודען.

און אט אין מיטען קומט אן אונזער טראדיציאנעלער יום-טוב, דער אמאליגער חג-האסיף און מען הייסט אונז פרעהליך זיין: ושמחת בחגיך.

גאנץ אנדערש איז דאס אין דעם זיך בויענדען ארץ-ישראל, אין אונזער ארץ-אבות. דארט לעבט דער יודישער ישוב א נארמאל רוהיג לעבען, מען ווייסט נישט פון קיין קריזיס און ארבייטסלאזיגקייט, מען איז נישט ארומגערינגעלט מיט אזאלכע גלות'דיגע טאג-טעגליכע דאגות, מען ענטוויקעלט זיך פריי, און די בעדינגונגען מוזען זיך בעל-כרחם צופאסען צום יודישען לעבען און צו איהרע בעדערפנישען. דארט קען מען פיהלען דעם זמן שמחתנו, דארט קען מען מקיים זיין און מען איז מקיים דעם ושמחת בחגיך און פולען און אמת'ן זין פון ווארט.

און דאס יודישע גייסטיגע לעבען דארט?

איך קען זיך נישט איינהאלטען פון אויסדריקען מיין בעגייסטערונג פון אט דעם פאקט:

איך האב מיט עטליכע טעג צוריק בעקומען פון ארץ-ישראל די דארטיגע טעגליכע העברעאישע פרעסע, צווישען דעם די ערב-ראש-השנה נומערן פון „הארץ" און „דואר היום", וועלכע האבען מיך באמת בעגייסטערט, זעהענדיג ווי אזוי אונזער העברעאישע שפראך האט דארט אויפגעלעבט און ווי עס זעהט אויס די העברעאישע פרעסע.

די ערב ר"ה נומערן פון די אויבענדערמאנטע צייטונגען, וועלכע ענטהאלטען צעהנדלינגער גרויסע זייטען, שטעלען מיט זיך פאר א אוצר פון ליטעראטור, ממש א גאנצען אוצר, וואס איז שווער צו געפונען זאגאר אין די גרעסטע אייראפעאישע צייטונגען. און זיי זענען דער לעבעדיגער אויסדרוק פון דעם יודישען לעבען אין לאנד, זיי בעווייזען אונז דעם שוואונג, די ברייטהארציגקייט פון דער אויפלעבענדער העברעאישער שפראך אין דעם לאנד וואס פערמאגט סך-הכל נישט פיעל מעהר ווי א העלפט יודען ווי עס האט איין ווארשא.

און דער גאנצער גלות, די מיליאנען גלות-יודען קענען קיין איין העברעאישע טאג-צייטונג נישט אויסהאלטען, און ווען מען איז יעצט אין ווארשא צוגעטרעטען ארויסצוגעבען א העברעאישע וואכענשריפט, מוז מען אהן אויפהער וועקען און רופען, טרומייטערען אין אלע גאסען, אפעלירען צום יודישען געוויסען אז מען זאל מיטהעלפען, דאס דער „בדרך" זאל קענען ערשיינען.

אזוי איז דאס, דארט אין ארץ-ישראל פיהלט מען אין אלע אברים דעם זמן שמחתנו און מיר דא אין גלות, ווען מיר ווענדען אונזערע אויגען אהין און מיר זעהען ווי אזוי דאס גייסטיגע און עקאנאמישע יודישע לעבען בליהט און וואקסט, זענען מיר אויך אימשטאנד ווי עס איז צו פייערן דעם יום - טוב פון פרייד.

י. פ.

אויף א שלעכטען אבנעמער
וועסטו נישט אבנעמען
קיין גוטע מוזיק.
דעטעפאן און אמפליפאן
אידעאלער אבנעהם-קאמפלעט.

גענויע אינפארמאציעס ערטיילט:
Detefon, Warszawa Zielna 30
און אלע פאסט-אמטען.

פון דער וואך.

מאנארכיסטישע איבערקעהרעניש אין דייטשלאנד.

און דער פרעסע האט זיך בעוויזען א סענסאציאנעלע ידיעה, וועלכע זאל זיך שטיצען אויף גענויע בעווייזען, אז אין דייטשלאנד גרייט זיך צו א מאנארכיסטישע איבערקעהרעניש, וועלכע בעשטעהט אין דעם וואס דער געוו. קרוינפרינץ, פרעזידענט הינדענבורג, פאן-פאפען, און שלייכער האט געשלאסען צווישען זיך, אז אין א פאסיגען מאמענט וועט זיך הינדענבורג אבזאגען פון זיין פרעזידענטען-אמט און עס וועט ערקלערט ווערען א מאנארכיע מיט'ן קרוין-פרינץ אלס קעניג, אויך דער בייערישער קרוין-פרינץ זאל ווערען קעניג פון בייערן.

10 יאהר שלום.

די גרויסע וועלט פאליטיקער, וועלכע טראכטען נאר ווי אזוי צו ברענגען שלום אויף דער וועלט, און דערווייל בעוואפענען זיי זיך מיט יעדען טאג אלס מעהר און שטארקער, טרעטען, ווי בעוואוסט, פון צייט צו צייט ארויס מיט זייערע שלום פראיעקטען. איצט קומט א פראיעקט מצד דעם פראנצויזישען פרעמיער העריא, וועלכער פאהרט קיין לאנדאן אום פארצולעגען זיין פראיעקט וועגען א 10 יעהריגען שלום אין אייראפא. די וועלט האט שוין אזוי ווייניג צוטרוי צו די אלע שלום-פלאנען, אז אויך דער יעצטיגער פראיעקט פון העריא ווערט אויפגענומען גלייכגילטיג.

ווידער קלאנגען וועגען אמנעסטיע.

די פוילישע פרעסע מעלדעט, אז די רעגירונג האט בעשלאסען איינגיכען צו פערעפענטליכען א אמנעסטיע, וועלכע זאל ארומנעמען אלערליי אדמיניסטראטיווע און קרימינעלע שטראפען, און וועלכע זאל גילטיג זיין אויך פאר פאליטישע פערברעכער און געלד-שטראפען, וועלכע זאלען פערקלענערט ווערען אויף א העלפט און זאגאר אויף א דריטעל. אויך אין די געריכטס-קרייזען ווערט די דאזיגע ידיעה בעשטעטיגט.

4500 סערטיפיקאטען.

גרויס צופרידענהייט האט ארויסגערופען די ידיעה וועלכע איז אויך בעשטעטיגט, אז די ארץ-ישראל רעגירונג האט ערטיילט דער יודישער אגענץ אויפ'ן קונפטיגען האלבען יאהר נייע 4500 סערטיפיקאטען. דאביי ווערט אנגעוויזען, אז זינט עס בעשטעהט דאס סיסטעם פון קאנטיגענטישער חלוצים-אימיגראציע איז דאס די גרעסטע צאהל סערטיפיקאטען וואס איז ערטיילט געווארען. דאס ערטיילען אזא צאהל בעווייזט, אז די א"י רעגירונג ווי אויך די ענגלישע אדמיניסטראציע בעטראכט דעם ווירטשאפטליכען פארטשריט אין א"י אלס בעפרידיגענד. אזוי אז דאס לאנד קען אויפנעמען נייע טויזענדער ארבייטס-הענד.

פערלייכטערונג אין צוואנגס-זונטאג-רוה.

אין דער פרעסע האט זיך ווידער בעוויזען א ידיעה וועגען פערלייכטערען דורך דער רעגירונג דעם צוואנגס-זונטאג-רוה, און ענדערען די פארשריפטען וועגען די האנדעלס-שעה'ן. אזוי אז געוויסע לעבענס-מיטעל געוועלבער און אנדערע זאלען מעגען האנדלען זונטאג עטליכע שעה אין דער פריה. טראץ דעם וואס די זאך איז נאך ענדגילטיג נישט ערלעדיגט ווערט פארט א פעראָרדנונג אין דער הינזיכט ערווארט אין דער נאהנטסטער צוקונפט.

געזעץ-פראיעקט וועגען פעראיינען.

פון ווארשא ווערט מיטגעטיילט, אז דער יוסטיץ-מיניסטער האט אויסגעארבייט א נייעם געזעץ-פראיעקט לויט וועלכען די מאכט וועט זיך קענען שטארק אריינמישען אין לעבען און טעטיגקייט פון די פעראיינען, און זיי קענען פערמאכען ווען זיי געפונען פאר נויטיג.

הכנסה-שטייער ווערט געענדערט.

אין די פינאנץ קרייזען האבען זיך פערשפרייט קלאנגען, אז אין די רעגירונגס-קרייזען ווערט בעטראכט א פלאן צו ענדערען די פערפליכטענדע געזעצען וועגען הכנסה-שטייער. עס ווערען אין דער הינזיכט אויסגעארבייט אין פינאנץ-מיניסטעריום פערשידענע פארשלאגען וועלכע וועלען פארגעשטעלט ווערען דעם מיניסטארען-ראט, און אזוי ווי די דאזיגע געזעץ-ענדערונגען געהען נישט אריין אין דער קאמפעטענץ פון די פולמאכטען פון מלוכה-פרעזידענט, וועט דאס מוזען קומען אויפ'ן פארום פון סיים.

MYDŁO kollontay z PRALKĄ jest lepsze... pierze, chroni, oszczędza

Przedst: I. LEWKOWICZ, Częstochowa, Narutowicza 19.

(26

די ענטלאפענע.

ראמאן פון יודישען לעבען אין דייטשלאנד אין 18-טען יאהר-הונדערט.

פון י. איזאקזאהן.

(פארטזעצונג).

חנה'לע איז, ווי מיר האבען שוין דערמאנט, די גאנצע נאכט נישט געשלאפען צוליעב איהר שרעקליכער אויפרעגונג נאך דעם איבערפאל אויף איהר, און ווי נאר אלפרעד'ס פרוי איז אריינגעקומען האט זי גוט געהערט, און זי האט זיך באלד אויפגעכאפט פון איהר געלעגער.

זי האט געהערט יעדעס ווארט וואס די פרוי האט גערעדט, און הערענדיג די נידערטרעכטיגע בעשולדיגונג געגען איהר אז זי זאל האבען אבגערעדט דעם לעהרער אלפרעד פון זיין פרוי, האט דאס זי אזוי שרעקליך אויפגערעגט, אז זי איז שיעור געפאלען אין חלשות, זי האט עטליכע מאל געוואלט אויסרייסען די טיער און אריינלויפען אין צימער וואו די פרוי האט זיך געפונען ביי איהרע עלטערן, אבער די שטוב-מענשען וואס זענען געווען פערזאמעלט אין צווייטען צימער האבען זי מיט אלע כחות צוריקגעהאלטען וויסענדיג אז איהר ערשינען פאר דער צורייצטער פרוי קען דערפיהרען צו א וויסטען סקאנדאל, און דאריבער איצט, נאכדעם ווי די פרוי איז אוועק, איז חנה'לע אריין אין צימער צו איהרע עלטערן.

זי איז געווען טויט-בלאס, און איז געבליבען שטעהן ביי דער טהיר, נישט קענענדיג קיין ווארט ארויסרעדען, זי איז אזוי געשטאנען עטליכע מינוט און דאן איז זי אנידערגעפאלען אויף א זאפע וואס איז דארט געשטאנען און זיך ביטער צוויינט.

ביי איהר גאנצער פערצווייפלונג האט זי זיך אבגעגעבען א רעכנונג פון דער גרויסער קרענקונג וואס דער שרעקליכער פאקט האט פערשאפט איהרע עלטערן און וואס עס קען נאך פון דעם ווייטער ארויסקומען, עס איז איהר זאגאר קיין מאמענט נישט געקומען אויפ'ן געדאנק, אז איהרע עלטערן זאלען גלויבען אין דער שווערער בעשולדיגונג וואס די פרוי ווארפט אויף איהר, אבער זי האט זיך געפיהלט שולדיג געגען די עלטערן צוליעב איהר ליעבע מיט אדאלף רייכמאן, און זי האט זיי נישט געקענט קוקען גלייך אין די אויגען אריין, און דאס האט אויף די עלטערן, איבערהויפט אויף איהר פאטער, געמאכט עפיס אן'אונפערשטענדליכען איינדרוק.

עטליכע מינוט האט אין צימער געהערשט א טויט-שטילקייט, עס האט זיך געהערט בלויז דאס וויינען פון חנה'לען און פון איהר מוטער. ערשט דאן האט יעקב משה קוים ארויסגערערט:

יא, שעהן דערלעבט, אזא מיאוס'ע מעשה. וואס טהוט מען?

אזא שרעקליכער בלבול—האט די מוטער צוגעגעבען—מען קען דאך חלילה אומגליקליך ווערען אין די היינטיגע צייטען.

נו יא, א בלבול—האט יעקב משה ווייטער געזאגט און זיינע ווערטער האבען אויסגעדריקט איראניע, אזוי ווי ער וואלט נישט געווען זיכער אז דאס איז טאקי א בלויזער בלבול — אבער ווער ווייסט וואס פון דעם קען ארויסקומען. די דאזיגע שרעקליכע פרוי איז פעהיג אויף אלעם און עס איז אויך נישט קיין וואונדער, זי איז אייפערזיכטיג אויף איהר מאן פון צוויי קינדער...

טאטעו—האט חנה'לע איהם איבערריסען מיט א אויסטערליש קול ווי איינער וואס טרינקט און רופט נאך הילף—טאטע דו גלויבסט דער פרוי...

ווער זאגט אז איך גלויב איהר, אבער די מיאוס'ע געשיכטע וועט באלד בעקאנט ווערען אין גאנץ פראנקפורט, און וואס וועלען מענשען זאגען. וואס וועט זאגען דער רב און דער חתן?

די מוטער האט זיך שוין מעהר נישט געקענט איינהאלטען, און האט זיך צושריגען: וואס רעדסטו עפיס היינט יעקב משה? געגוג אזעלכע זאכען זענען שוין פארגעקומען. ווענינ בלבולים זענען געמאכט געווארען אויף יודישע טעכטער, וועלען דען נישט אלע באלד וויסען, אז דאס איז א בלבול און אונזער חנה'לע איז אן ערליכע יודישע טאכטער.

הנה'לע האט דאס דאזיגע פיינליכע געשפרעך נישט געקענט צוהערען, זי האט זיך נאכמעהר צוויינט און איז ארויס פון צימער, אבער ס'איז איהר נאך געלונגען צו הערען די ווערטער פון איהר פאטער, וועלכער האט געזאנט:

נו, געוויס וועט מען אונזער טאכטער נישט בעשולדיגען, מען וועט וויסען אז ס'איז נאר א בלבול, אבער אנדערע וועלען אפשר זאגען אז „מען עסט נישט קיין קנאבעל שטינקט מען נישט".

וואס טהוט זיך מיט דיר יעקב משה —האט די פרוי געשריגען—דו מאכסט דאך אונז אליין אומגליקליך, ווען דו הויבסט אן גלויבען אין דער שווערער בעשולדיגונג אויף אונזער איינציג קינד, זי וועט דאך דאס נישט איבערהאלטען, דו זעהסט דען נישט אז זי איז ריין און אונשולדיג ווי א ריינע טויב.

חנה'לעס מוטער איז געווען בעאונרוהיגט צוליעב דעם וואס זי איז ארויס פון צימער, זי איז אריין צו איהר און געפרובט זי בערוהיגען אבער חנה'לע האט נישט געלאזט צו זיך רעדען, זי איז געלעגען אויפ'ן בעט און ביטער געוויינט.

16.

עס טרעפט פיעל מאל אז די געשעהענישען וואס קומען פאר מיט א מענש מאכען איהם הארט און שטאנדהאפט, אזוי, אז דער שוואכסטער מענש, דער, וואס איז אויף דער וועלט נאך גארנישט אדורכגעגאנגען, קען אין איין טאג ווערען א פולשטענדיג ערפאהרענער און לאגישער מענש.

דאס זעלבע איז אויך געווען מיט חנה'לען. אלס שול-קינד וואס האט זיך שטענדיג געפונען אין איהרע עלטערנס הויז און ס'האט איהר פון קיין זאך נישט געפעהלט, איז זי געוואוינט געווען צו הערען אלץ וואס די עלטערן האבען איהר געזאגט און זייערע ווערטער זענען פאר איהר געווען הייליג, זאגאר איהר בעקענען זיך מיט רייכמאן אהן דעם וויסען פון איהרע עלטערן, האט זי אליין געהאלטען פאר א גרויסע זינד און האט זיך דאריבער נישט געקענט בערוהיגען, דאגעגען די לעצטע געשעהעניש, דער איבערפאל אויף איהר דורך דעם לעהרער אלפרעד האט איהר געעפענט די אויגען צו זעהען וואס ארום איהר טהוט זיך, אבער שרעקליכער ווי אלץ איז פאר איהר געווען דער געדאנק אז איהר פאטער צווייפעלט אין איהר ערליכקייט, און אז ס'קען איהם קומען אויפ'ן געדאנק צו גלויבען אין דער שרעקליכער בעשולדיגונג, אז זי איז געשטאנען אין וועלכע ס'איז בעציהונגען מיט דעם לעהרער.

דאס האט זי אזוי ערשיטערט אז זי האט פשוט אנגעהויבען צו פיהלען א שנאה און א פרעמדקייט צו איהר פאטער, און א געפיהל פון נקמה האט זי אנגעהויבען בעהערשען. בעזונדער האט זי טאקי מורא געהאט פאר די ווייטערע פאלגען וואס קענען ארויסקומען פון דעם, וויסענדיג אז דעם לעהרער'ס פרוי וועט די זאך אזוי לייכט נישט אבלאזען, און אויב דער פאטער זאל איהר געבען געלד, וועט צו דעם נישט נעמען קיין סוף, זי קען פון איהר פאטער ציהען געלד אהן אויפהער.

עס מוז צו דער לאגע געמאכט ווערען א ענדע!—האט זי בעשלאסען—איך מוז זיך ווענדען צו אדאלפ'ן. ער איז געוויס אונגעדולדיג און ברענט פון נייגיריגקייט צו וויסען די בעדייטונג פון דער געשעהעניש, איך מוז צו איהם געהן, איך וועל איהם ערקלערען אלץ, איך וועל איהם אויך דערצעהלען וועגען דעם געשפרעך מיט מיינע עלטערן. ער, נאר ער, וועט מיך פערשטעהן און וועט מיר גלויבען, און נאר ביי איהם אין די הענד ליגט מיין רעטונג.

א לאנגע צייט איז זי געלעגען און געטראכט, די מוטער האט איהר נישט געוואלט שטערען, וויסענדיג אז זי איז זעהר בעטריבט, אבער ענדליך האט זי זיך אויפגעכאפט, און אין געהיים ארויסגעגאנגען פון שטוב, און זיך נעלאזט צום האטעל וואו אדאלף רייכמאן האט געוואוינט.

(פארטז. קומט).

ב. וויינבערג.

חסידות און השכלה.

6.

מיר האבען ביז-איצט גערעדט וועגען מהות און פאעטישער בעדייטונג פונ'ם חסידות, עס איז אבער כדאי דא אויך צו ברענגען די מיינונג פון די געגנער פונ'ם חסידות. זיי זאגען: די חסידישע לעגענדעס און מעשיות זענען געשאפען געווארען צוליעב א ספעציעלער פאראויסגעזעהענער טענדענץ און זיי טראגען לחלוטין נישט דעם כאראקטער און גייסט פון אנ'אריגינעלער פאלקסטימליכער שאפונג. אמת, אויב מיר וועלען נישט אין בעטראכט נעמען די אריגינעלע אמונות פון די חסידים, וועלכע זענען בעאיינפלוסט געווארען פון דער פרעמדער סביבה און מיט דער צייט איינגעבילדעט געווארען אלס אייגענער שטאם און שורש, געפינען מיר נישט אין די איבעריגע אלע לעגענדעס און ערצעהלונגען וועגען צדיקים און חסידים די מינדעסטע אריגינאליטעט, ווארום די אלע מעשיות פון „שבחי בעש"ט", געפינען מיר פיעל מעהר אין „שבחי האר"י", „שבחי ר' חיים וויטאל", אין די ערצעהלונגען פון די „מגידים" פון ר"י קארו און ר' משה חיים לוצאטו און פיעל אנדערע. איז דען דער גולם, וואס ס'האט געשאפען דער מהר"ל פון פראג נישט געווען א גולם? און דער גולם פון ראש פון די מתנגדים דער ווילנער גאון איז נישט געווען גענוג הסידיש? אין דעם דאזיגען זין האבען נישט קיין קלענערע בעדייטונג די רבנישע לעגענדעס פון די חסידישע. דאגעגען ווידער זענען פערהאן פיעל געביטען אין די רבנישע לעגענדעס, וועלכע מיר געפונען לגמרי נישט אין די חסידישע לעגענדעס. דאס זענען אמת'ע פאלקסטימליכע לעגענדעס. קיינער ווייסט נישט, ווער ס'איז געווען זייער מחבר און ווען זיי זענען געשאפען געווארען. נאציאנאלע רדיפות און צרות, נאציאנאלע שטרעבונגען און האפנונגען האבען זיי געבוירען און געשאפען.

אויפפאלענד איז דאס, וואס איינער פון די חסידים שרייבער, טרייבט קאטאוועס און לאכט אב פון ווילנער גאונ'ס גולם, וועלענדיג דערמיט אויפווייזען, אז אויך דער ראש פון די מתנגדים, דער ווילנער גאון האט עוסק געווען אין אזאלכע נארישקייטען, אין וועלכע עס האבען זיך בעשעפטיגט די חסידים.

מיר מוזען אבער נעהמען אין אכט און געדענקען, אז דער ווילנער גאון איז געווען בעאיינפלוסט פון זיין צייט און סביבה און מען קען דאך דאריבער איהם נישט שטעלען אין איין מחיצה מיט די נייע וויסענשאפטס-מענשען. עס איז כדאי אבער אונטערצושטרייכען, אז לויט'ן מחבר פון ספר „עליות אליהו", האט דער ווילנער גאון נישט עוסק געווען אין די דאזיגע ענינים, נור אין זיינע קינדער-יאהרען, ביז ר'איז געווארען בר-מצוה און שפעטער האט ער דערפון אבגעווייכט און זיך גענצליך ערוויטערט.

אויך דער גרויסער, טיעפזיניגער יודישער פילאזאף שלמה מימון האט אין זיינע קינדער-יאהרען עוסק געווען — לויט ווי ער דערצעהלט אין זיין אויטאביאגראפיע — אין קבלה מעשות, וועלענדיג ווערען א „רואה ואינו נראה".

איין מערקווירדיגע איינצעלהייט אין דער חסידישער אויפפאסונג לענקט אויף זיך אונזער אויפמערקזאמקייט, נעמליך: זיי האבען זיך זעהר שטארק דערוויטערט פונ'ם תנ"ך. אט די דאזיגע מענשען, וואס זייער גאנצער מהות, זייער גאנץ שטרעבען איז געווען איינצופלאנצען אין כלל ישראל הארץ, געפיהל, ליבע און אחדות, ממש ווי דער רוח הנביאים, זיי אליין האבען גוזר געווען אויף זייערע קינדער, אז זיי זאלען נישט לערנען קיין תנ"ך — אט דער ספר-הספרים, דער דאזיגער שארית הפליטה, וואס ס'איז אונז געבליבען לשם ולתפארת פאר אלע פעלקער פון דער וועלט, א דאנק וועלכען מיר זענען פערבליבען דאס עם הספר, דער רוח הנביאים, וועלכער דערוועקט אינ'ם הארץ פונ'ם קינד נאציאנאלע פאעטישע געפיהלען האבען זיי אנגעזאגט זייערע קינדער דערפון נישט צו לערנען און עס גענצליך איגנארירט. דאס רעטעניש און סבה פון דער דאזינער ערשיינונג, איז שווער. צו פערשטעהן און פעסטצושטעלען. מעגליך, אז זיי האבען דאס געטהון אלס שנאה צו דער השכלה. דער דאזיגער בעגאנגענער פעהלער האט אונז זעהר פיעל געקאסט און קאסט אונז ביז'ן היינטיגען טאג, ווייל דאס האט איינגעבראכען די בריק וואס פיהרט דעם יודישען פרומען המון צו דער יודישער אינטעליגענץ.

כללו של דבר: די בעש"ט'ליכע חסידות עקזיסטירט שוין מעהר נישט. אין דער זעלבער צורה וואס אמאל אויפ'ן פראקטישען טאג-טעגליכען לעבען האט זי מעהר קיין השפעה נישט, איהר שטעלפערטרעטערין איז געווארען דאס נייע מאדערנע חסידות, די ארטאדאקסיע, די תקופה פון די השכלה איז אויך שוין מעהר נישטא. איהר שטעל האט פערנומען די יודישע אינטעליגענץ, דער נאציאנאליזם.

ווען מיר בעטראכטען אבער היינטצו טאג די דאזיגע ביידע בעוועגונגען אהן שום זייטיגע פניות, אהן שום טענדענצען, מוזען מיר קומען צו דעם אויספיהר, צו די מסקנה, אז ווען נישט חלילה דאס חסידות, וואלט שוין לאנג דוכט זיך, פון יודישקייט קיין זכר נישט געווען, ווייל דאס חסידות, טראץ איהרע פעהלערן, האט אבער אבגעהאלטען און אבגעצוימט מיט איהרע אייגענשאפטען און טראדיציעס, דעם יודישען המון פון אסימילאציע, וועלכע האט צו יענער צייט גראסירט אין דער יודישער גאס. דאגעגען אבער די השכלה, טראץ איהר גוטען ווילען און גוטע כוונות, האט אונבעוואוסטזיניג געטריבען דעם יודישען המון צו אסימילאציע. דער „נהיה ככל הגוים בית ישראל" איז געווען איהר פאראל, איהר הויפט-דעוויז.

גערעכט איז געווען פרץ סמאלענסקי, וועלכער האט אבגעשאצט מענדעלזאנ'ס טעטיגקייט אלס פערניכטענדע, אלס שעדליכע פאר'ן יודישען פאלק. ווארום די השכלה איז אין ענגען זין פונ'ם ווארט, געווען א פולשטענדיגער געגענזאץ צום יהדות: די השכלה איז געווען ראציאנאליסטיש און דאס יהדות איז נור א פראדוקט פונ'ם הארץ.

דאס חסידות דאגעגען איז געווען דער אמת'ער יורש פון די נביאים, חכמי-התלמוד, מקובלים. אלס אזעלכע האט זי פארטגעזעצט די דורות'דיגע גאלדענע-קייט פונ'ם יהדות.

די צוויי ברידער.

א פאלקס מעשה'לע פון ש. ראזענשטיין.

דער טשיטשעלניקער שרה איז כל ימיו געווען א פערברענטער קארטענשפילער, א הייסער אנהענגער פון ביטערען טראפען און גרויסער פערשווענדער. האט זיך איינמאל פערשפרייט א קלאנג, אז דער שרה פערקויפט זיינע גיטער, כדי ארומצוצאהלען די חובות. עס האט לאנג נישט געדויערט און דעם שרה'ס גיטער זענען פערקויפט געווארען א דייטשען באראן פאר א פערטיל מיליאן רובל.

דער גאנצער שטאב אנגעשטעלטע, צווישען וועלכע עס האבען זיך געפונען אויך צוויי יודען, ברידער, זענען געבליבען אויף זייערע פאסטענס אויך ביים נייעם שרה. ווען דער באראן איז אבער אין א קורצער צייט ארום געקומען זיך בעקענען מיט זיין נייער ווירטשאפט, האבען די צוויי ברידער ביי איהם זעהר שטארק נושא חן געווען און באלד נאכדעם זענען זיי טאקי בעשטימט געווארען אלס פערוואלטערס איבער זיין פערמעגען אין טשיטשעלניק און איהר סביבה.

די ברידער האבען איינגעפיהרט א נייע ארדנונג אין דער אדמיניסטראציע און זיי האבען בעקומען דערויף א פולשטענדיגע הסכמה פון דעם באראן. זעלבסטפערשטענדליך, אז, זיי האבען צו דעם נישט דערלייגט און זיי זענען געגאנגען מעלה מעלה ביז זיי זענען געווארען גרויסע גבירים.

נישט קוקענדיג דערויף זענען זיי ווייטער געבליבען גוטע און פרומע יודען, זיי האבען געהאט אנ'אפענע האנד אין צדקה-זאכען, געווען גרויסע מכניסי-אורחים און געבליבען אויף ווייטער הייסע חסידים פון רבי ר' ברוכ'לען, געפאהרען צו איהם אויף יעדען יום-טוב און זיך געלאזט קאסטען כדרך הנגידים. אין אזוי זענען אריבער א פאר צעהנדלינג יאהר.

די קריסטליכע אנגעשטעלטע פון באראנ'ס גיטער האבען נישט אויפגעהערט מקנא זיין די יודען און געזוכט אלערליי תחבולות, ווי צו פערמיאוס'ן דעם נאמען פון די ברידער אין די אויגען פונ'ם באראן, כאטש לפנים זענען זיי געווען זעהר פריינדליך און זאגאר הכנעה'דיג פאר די יודישע פערוואלטער און אויסגעפיהרט יעדע פערארדנונג זייערע.

ויהי היום, האבען אייניגע פון די נישט-יודישע בעאמטע דערלאנגט א מסירה צום באראן אין בערלין, אז זיינע מכלומרש'ט איבערגעגעבענע יודישע פערוואלטער, פיהרען א פערשווענדעריש לעבען אויפ'ן חשבון פון באראן און אויב עס וועט נישט נעמען צו דעם א סוף, וועט דער גאנצער מאיאנטעק רואינירט ווערען.

כאטש דער באראן האט געהאט דעם פולען צוטרוי צו זיינע יודישע פערוואלטער, דאך, כדי צו בערוהיגען זיך האט ער בעשלאסען אראבצושיקען בסוד אויפ'ן ארט זיינעם אנ'איש נאמן נאכקאנטראלירען, וויפיעל אמת עס שטעקט אין דער מסירה...

האבען די ברידער אמאל דערזעהן ארומדרעהען אין הויף און אין די דערפער א דייטשעל, אנגעטהון אין א גרינעם אנצוג, ווי ער בעטראכט אלץ און פערצייכענט אין א ביכעל אריין, אבער זיי האבען דערויף נישט געלעגט קיין גרויס אכט; מאלע וואס א דייטשעל קוקט...

ענדע יאהר האט דאס דייטשעל אריינגעשיקט דעם באראן א גענויען חשבון פון דער הכנסה און עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער חשבון פון די יודישע פערוואלטער שטימט נישט אויף א גרויסע סומע געלד.

עס האט נישט לאנג געדויערט קומט אן א בעפעהל פונ'ם באראן, אז די יודישע פערוואלטער זאלען תיכף ומיד איבערווייזען איהם די דיפערענץ פאר דעם לעצטען יאהר, ווי אויך דאס געלד פאר דער גאנצער צייט, וואס זיי האבען בשתיקה אראבגערוקט צו זיך אין די קעשענעס.

עס האבען נישט געהאלפען קיין טענות ומענות — דער באראן האט אנגעקלאגט די ברידער אין געריכט.

נידערגעשלאגען און פערצווייפעלט זענען די ברידער אריבערגעפאהרען קיין מעזשיבוש צום רבי'ן ר' ברוכ'ל און דערצעהלט איהם דעם גאנצען ענין דער רבי האט אבער געהאלטען אראבגעלאזט די אויגען, גלייך ווי ער וואלט זיי קיינמאל נישט געזעהן, ענטפערט זיי א ווארט נישט...

זענען זיי אריינגעפאלען נאך מעהר אין עצבות, נישט אנדערש, אז מן השמים איז נגזר געווארען אויף זיי אזא שווערע בעשולדיגונג, באין ברירה האבען זיי איבערגעגעבען די ספראווע אנ'אדוואקאט, דאס זעלבע האט אויך געטהון דער דייטשער באראן.

האט זיך די ספראווע געצויגען א לאנגע צייט, ביז די ברידער זענען ממש בדיל הדל געווארען, אויספערקויפט דאס זיהרונג און ברילאנטען און דאס בעסטע, וואס זיי האבען פערמאגט, זייערע הייזער האבען ביסלעכ-

וואס געהערט, וואס געזעהן.

פערטיג געווארען מיט די ימים-נוראים'דיגע תפילות נעמט זיך דער עולם צוגרייטען אויפ'ן יום טוב פון „ושמחת בחגיך". איך אבער בין נאך נישט פטור פון די איינדרוקען, וואס איך האב איבערגעלעבט די לעצטע טעג און ביז איך וועל זיי נישט ארויסברענגען אין דער עפענטליכקייט, וועל איך זיך נישט קאנען פערנעמען מיט'ן יום טוב, וואס שטעהט הינטערן טהיר...

מיר האבען געהאט א ערב יום-כפור מיט פיעל סענסאציעס, און דאס וויל איך אייך דערצעהלען.

דאס איז נאך נישט געווען.

אזא ערפאלג, וואו דאס בית-עולם האט געהאט דעם לעצטען ערב יום-כפור, געדענקען נישט די עלטסטע יודען ביי אונז. עס וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאגען, אז דעם ערב יום-כפור איז דער בית-עולם בעזוכט געווארען פון איבער 4 טויזענד קבר-אבות-געהער, אזוי, אז די כלי-קודש און צעהנדלינגער ארימעלייט און די פארשטעהער פון פערשידענע אינסטיטוציעס, ווי אויך קוויטלעך-שרייבער, וועלכע האבען ממש פערפלייצט דעם בית-עולם און פערנומען אלע דורכגענג האבען געהאט א געוואלדיגע שפע און וועלען עס האבען צו געדענקען...

פיעל האבען זיך „געראטעוועט" דורך דעם הינטער-טהירעל, וואס געפונט זיך אויף דרום-זייט פון בית-עולם און וועלכעס איז געשטאנען אפען, נור אויך דארט האבען זיי אנגעטראפען אויף ארימעלייט און סטרוזשעס און גלאט בעטלער, אזוי, אז עס איז קיינער נישט ארויס טרוקען...

דאס הארץ-רייסענדע געשריי פון די קבר אבות-געהער האט פערהילכט די שטיל'ע רוהיגע שטימונג, וואס הערשט אויפ'ן בית-עולם און מען האט געבעטען, געפאדערט און זיך אויסגעטענה'ט.

א שאד, וואט עס ווערט נישט צונויפגעקליבען די אלע רייד, וואס מען טענה'ט זיך אויס אויף די קברים, פאר'ן יודישען פאלקלאר וואלט עס געווען א טייערער אוצר.

אט, למשל, שרייט א יודענע: שמעון! הערסט וואס איך זאג דיר! דיין שוועגע'ין שפרה איז געווען ביי דיר אויף דיין קבר, זעה, אז זי זאל נישט אוועק פון דיר מיט'ן ליידיגען. שמעון! איך, דיין ווייב דבורה, זאג דיר אן, אז דו זאלסט מיר ערלעדיגען דיין שוועגערין.

א צווייטע יודענע שרייט: איך וועל נישט פריהער אהיימגעהן ביז דו וועסט מיר צוזאגען, אז גיטעל וועט קריגען דעם פאסטען.

מיינט נישט ליבע פריינד, אז דאס איז א פאנטאזיע, ווייל די דאזיגע ווערטער און נאך אנדערע מעהר כאראקטעריסטישע, וועלכע מען קען נישט נישט פערעפענטליכען האב איך געהערט דעם לעצטען ערב יום-כיפור שרייען אויף די קברים.

נישט איך לאך דערפון, איך וויל נאר בעמערקען, אז די צייט איז אזוי ביטער, די יודישע מאסע לעבט אין אזא שרעקליכער נויט, אז זיי רעדען אראב דאס ביטערניש פון זייער הארצען אויף די קברים און ווילען פון דארט כאטש בעקומען א הילף.

יא, דאס וואס עס איז געווען הייאהר אויפ'ן בית-עולם, איז נאך נישט געווען...

עס זאל זיי נישט מקוים ווערען...

ערב יום כפור איז דאס געווען. דאס פראסטע געסיל איז פיעל מיט די ריסארקעס, וואס ווילען פיהרען דעם עולם אויפ'ן „גוטען ארט". דערנעבען שטעהען אבער עטליכע שטאדטישע אויטאבוסען פון „סיטראען", וועלכע מאכען גרויסע „אבראטען" און דער עולם לויפט אין אויטאבוס. די יודישע פורמאנעס שעלטען מיט טויטע קללות: „אזוי ווי איהר פאהרט היינט מיט אנ'אויטאבוס, אזוי זאל מען פון היינט איבער א יאהר צו אייך פאהרען מיט טאקסובקעס"... „זעה נאר דעם חסידישען יוד מיט דער גרויסער בארד, ער וועט זיך קלאפען היינט אל חטא — צעשרייט זיך א יודענע — און דא שטעהען יודישע פורמאנעס און שטארבען פאר הונגער, און קיין פאר גראשען וויל ער נישט געבען צו פערדינען, א שווארצען גמר דין. וכ"ו".

די יודען זענען אבער נישט נתפעל געווארען און זענען זיך פסור געפאהרען מיט די „סיטראען". זיי זענען נאך געווען צופרידען דערפון וואס דער פאליציאנט, וועלכער איז גערופען געווארען דורך די „סיטראען"-לייט צו מאכען ארדנונג, האט די יודישע פורמאנעס אוועקגעיאגט און זיי געדראהט צו מאכען פראטאקאלען.

דער טאג איז געווען פונקט א שעהנער, און עס איז געווען א מחיה צו פאהרען אויף א ריסארקע, און דערביי וואלטען יודען, די אויסגעהארעוועטע יודען, פערדינט א פאר גראשען אויף חיונה. זענען אונזערע יודען און צווישען זיי אויך א סך חסידישע יודען אבער געווארען „אריסטאקראטען" און זענען דוקא געפאהרען מיט די אויטאבוסען.

די פערצווייפלונג פון די יודישע בעל-עגלות איז געווען אין לשער. עס האט געריסען ביים הארצען.

מען קאן אבער נישט מלשין זיין אויף כלל ישראל. עס האט זיך געטראפען אויך א ביסעל יודען, וואס זענען דאך געפאהרען מיט די ריסארקעס און גראדע געהאט א הנאה פון דער ריינער לופט, וואס זיי האבען דערביי גענאסען.

די אבער וואס זענען געפאהרען מיט די אויטאבוסען, זאלען די קללות וואס זיי האבען אריינגעכאפט נישט מקוים ווערען...

אויך א סענסאציע.

אויך האבען מיר ערב יום כפור געהאט א סענסאציע. נעמליך: די פרעזידיומס פון דער קהלה-פערוואלטונג און ראט זענען בעשטעטיגט געווארען,

עס האבען זיך געטראגען עקשנות'דיגע קלאנגען, אז די וואהלען וועלען אויף זיכער בטל ווערען און עס וועלען א ליאדע טאג בעשטימט ווערען נייע וואהלען. און דא פלוצים א ידיעה: דער גאנצער קאמפלעט, וואס איז לעצטענס אויסגעוועהלט געווארען און די פרעזידיומס זענען בעשטעטיגט געווארען. — אויך א סענסאציע.

געליבט איז דער אין דער הימעל, אז עס איז ליגענד.

א שרעקליכע ידיעה האט זיך פערשפרייט אין סאמע ערב יום-כפור, אז דער איבעראל געאכטעטער דאקטאר ה' מיקולסקי זאל האבען געפאלען בעת א דועל מיט א צווייטען דאקטאר.

די פערצווייפלונג ביי יודען, איבערהויפט אין די ארימע גאסען, וואו דער אויבענדערמאנטער דאקטאר איז זעהר בעליעבט, האט עס געמאכט א געוואלדיגען איינדרוק און די יודען האבען שיעור נישט געהאט קיין פערשטערטען יום-טוב, איך זאג „שיעור", ווייל צום גליק האט עס זיך ארויסגעוויזען אלס פאלשער קלאנג.

ד"ר מיקולסקי לעבט און ער האט זיך אינגאנצען אויף קיין דועל נישט געשלאגען און ממילא איז ער פריש און געזונר. און ווען די יודענעס זענען געגאנגען מוצאי יום-כפור פון דאווענען און זיך געווינשען א גוט יאהר האבען זיי אויך געלויבט דעם אין הימעל, וואס דער קלאנג וועגען ד"ר מיקולסקי איז ליגענד.

„מאמיר" זיך אויסגעבעטען.

די שוהלען און מנינים זענען געווען איבערפולט און יודען האבען הייאהר זעהר הייס געבעטען, ככתוב, וואס ערגער עס איז מאטעריעל, אלץ מעהר ווענדעט מען זיך נאך הילף צום הימעל.

יודען זענען זיכער, אז זיי האבען געפועל'ט און אהיימגעהענדיג פון דאווענען זענען זיי זיכער, אז „מאמער זיך אויסגעבעטען...

איצט אביסעל וואכעדיגע ענינים.

עס בעהט זיך אנ'אויפקלערונג.

ווי בעוואוסט איז די פאגאטאוויע פון דער קראנקען-קאסע אריבער אין פריוואטע הענד.

צו דעם האט קיינער נישט דאגעגען.

ווייז אַגעוואוירען דעם גלאַנץ פון אמאָל און זייערע בני-בית זענען ארומגעגאַנגען ווי שאָטענס.

ראש-השנה זענען זיי געווען ביים רבי'ן און זענען צוריק אַהיים געפאָהרען, אָבער שבת-שובה קומט אָן אַ בריעף פון דעם אַדוואָקאַט, אַז זיי האַלטען זעהר שמאָל מיט דער ספראַווע, וועלכע דאַרף פאָרקומען אין אַכט טעג אַרום, דעם לעצטען טאָג סוכות און ער בעט זיי קומען עטליכע טעג פריהער קיין קאַמעניץ, אפשר וועט מען עפעס געפונען אַנ'עצה.

דערהערט די שלעכטע בשורה, האָבען די יודען זונטאָג ערב-יום-כפור געדינגען אַ פוהר קיין מעזשיבוזש, אָבגעזעגענט זיך מיט די בני-בית און גוטע פריינד און מיט אַ שווער געמיט זיך געלאָזט צום רבי'ן אויף יום-כפור.

געקומען אין „הויף" אריין, האָבען די גבאים זיי ערקלערט, אַז דער רבי איז זיך שוין מתבודד אין זיין חדר און לאָזט קיינעם צו זיך נישט אַריין...

מיטאַמאָל דערזעהן די ברידער די אַלטע רבי'צין. וויסענדיג, אַז זי איז אַ גרויסע חשובה ביים רבי'ן און ער איז איהר שטאַרק נוהג כבוד, האָבען זיי איהר פערשטעלט דעם וועג, אויסדערצעהלט פאַר איהר זייער ביטער האַרץ און געבעטען זי זאָל זיין פאַר זיי אַ מליץ-יושר ביי איהר מאַן, ביים הייליגען רבי ז"ל.

האָט זיך דערוועקט ביי דער רביצין גרויס רחמים אויף די אומגליקליכע ברידער און זי איז גלייך אַריינגעגאַנגען צום רבי'ן.

— מוצאי יום-כפור—זאָגט צו זיי די רביצין—וועט אייך דער רבי אַריינרופען...

יום-כיפור נאָך מעריב האָט דער רבי ז"ל געהייסען דעם גבאי אַריינרופען צו זיך די ברידער.

— וואס וועט איהר זאָגען גוטס?— רופט זיך אָב צו זיי דער רבי, אָנשפאַרענדיג זיין גראָהען קאָפּ אויף דער לינקער האַנד און מיט דער רעכטער דערלאַנגענדיג זיי „שלום".

אַ פחד איז בעפאַלען די ברידער, די פיס זענען ווי אונטערגעהאַקט געוואָרען און דאס לשון ווי אָבגענומען. ביידע האָבען זיך משתטח געווען פאַר דעם רבינ'ס פיס און ביטער געוויינט:

— הייליגער צדיק הדור, אַנ'עת-צרה איז אויף דיינע חסידים געקומען, דערבאַרעם זיך אויף אונז, דיינע קנעכט און בעווייז אונז אַ דרך הצלה...

— נו, נו, נו, שטעהט אויף ברידערלעך, רופט זיך אָב דער רבי ז"ל און אַ לייכטער שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף זיין שיינענדיג געזיכט, פאַהרט אַהיים לחיים ולשלום, צוליעב אַ טפש אַ דייטש דאַרף מען נישט וויינען, ער מיינט אוודאי, אַז דאָ איז דייטשלאַנד מיט איהרע שעהנע מנהגים, העגנען ווילט זיך איהם גאָר, אַ חוצפה פון אַ דייטשען באַראָן! דער רבונו של עולם קומט דאָך טאַקי יאָ אַזוי פיעל ביי זיינע יודעלעך און דאָך איז ער מוחל און איהם, דעם גרויסען פריץ שטעהט נישט אָן! אַ חוצפה!

אַרויסבעגלייטענדיג זיי צו דער טהיר זאגט צו זיי דער רבי ז"ל:

— ביים זיידען מיינעם, דעם בעל-שם טוב הקדוש איז אויך געווען אַזאַ מעשה, האָט ער זיי געזאָגט, זיי זאָלען נישט פאָהרען קיין קאַמעניץ נאָר אַהיים און ווען זיי וועלען אָבפאָהרען פון דאַנען אַ מייל וועלען זיי נעבען וועלדיל בעגעגענען אַ דייטשעל אין אַ גרינעם אַנצוג, אַ שלעכטער בשר ודם, זאָלען זיי נישט הערען וואס ער וועט זיי אָנפלוידערען. ווען זיי וועלען אָבער אַרויספאָהרען פון דער צווייטער זייט וועלדעל, וועט זיי ענטגעגענקומען אַ צווייטער דייטשעל, אַ בעל-מזג טוב און וועט זיי אָנזאָגען אַ גוטע בשורה... דערווייל, ברידערלעך, נעמט צו-ביסלעך בראַנפען און לעהנט אונטער אייער האַרץ. שוין צייט טועם זיין נאָך אַזאַ לאַנגען תענית... און אַז איהר וועט אי"ה קומען אַהיים, זאָגט אייערע ווייבער זיי זאָלען מאַכען אַ סוכות כיד המלך און טאקע מיט צוויי קוגלען אויף שבת.

אַרויסגעהענדיג פון רבי'ן זענען די ברידערלעך געשטאַנען אַ ווײַלע ווי צוטומעלטע... אין צוויי טעג אַרום קומט פאַר דער פראָצעס, זייער גורל העגנט אויף אַ האָר... וואס טהוט מען? פאָהרען קיין קאַמעניץ אָדער נישט? דער רבי ז"ל האָט זיי דאָך נאָר דערצעהלט אַ מעשה שהיה בימי הבעש"ט הקדוש...

האָבען זיי פערקירעוועט דעם דישעל אויפ'ן וועג אַהיים...

פונקט אַ מייל נאָך מעזשיבוזש האָבען זיי דערזעהן נעבען וועלדעל שטעהן אַ דייטשעל, פון זיינע אויגען שפריצען פונקען פייער...

— פון וואַנען פאָהרען עס יודען? — פרעגט ער.

— פון מעזשיבוש—ענטפערען זיי.

— איך וועל אייך דערצעהלען וויכטיגע נייעס: נעכטען איז אָנגעקומען אַ בעפעהל פון בערלין אויפצוהענגען די צוויי ברידער-פערוואַלטער פון טשיטשעלניקער באַראָנ'ס גיטער, ווען עס וועט אויפגעוויזען ווערען זייער שולד.

האָבען זיי איהם אויסגעהערט און געפאָהרען ווייטער.

ביים אַרויספאַהרען פון וואלד האָבען זיי דערזעהן אַ צווייטען דייטש, אָנגעטהון אויך אין אַ גרינעם אַנצוג מיט אַ קליין קאַפעלושעל, פעררוקט אויף אַ זייט, בעגריסט ער זיך מיט זיי זעהר פריינדליך און פרעגט וואוהין זיי פאָהרען.

— קיין טשיטשעלניק — ענטפערען זיי.

— איך וועל אייך דערצעהלען וויכטיגע נייעס — רופט זיך אָב דאס דייטשעל מיט אַ שמייכעל: אַזוי ווי נעכטען איז אָנגעקומען אַ בעפעהל פון בערלין אויפצוהענגען די צוויי ברידערלעך-פערוואַלטער פון באַראָנ'ס גיטער, איז היינט ווידער אָנגעקומען אַ צווייטער בעפעהל, אַז מ'זאָל מבטל זיין דעם פסק, ווייל זיי האָבען געוואונען די ספראַווע און דער באַראָן איז גרייט זיי אומצוקעהרען אַלע הוצאות וואס זיי האָבען צוליעב איהם געהאַט און לחוץ לזה בלייבען זיי אויף זייערע פּאָסטענס כל ימיהם און מוסיף זיין זיי אויף די שכירות כהנה וכהנה...

ערשט דאַן האָבען די ברידערלעך פערשטאַנען דעם רבינ'ס מיין און זיין ווייטען קוק, האָבען זיי אויפגעהויבען די הענד צום הימעל, וואו עס זיצט דער „דן יחידי לבאי עולם" און אָבגעגעבען איהם אַ שבח והודיה, וואס ער טהוט מיט זיינע יודעלעך לפנים משורת הדין.

פרייטאָג ערב סוכות נאָכמיטאג זענען די ברידער אָנגעקומען אַהיים, נישט דערצעהלט אפילו פאַר די בני-בית, וואס מיט זיי איז זיך פערלאָפען נאָר געהייסען צוגרייטען אַ סוכות ביד רחבה, מיט צוויי קוגלען...

זיצענדיג אין דער סוכה און זינגענדיג די זמירות האָט זיך געעפענט די טיער און אַ שליח פון אַדוואָקאַט איז אַריינגעקומען און איבערגעגעבען, אַז זיי האָבען געוואונען די ספראַווע און אַז דער באַראָן דאַרף זיי אומקעהרען די הוצאות...

האָבען זיך אַלע שטאַרק משמח געווען מיט דער פרעהליכער בשורה און די ברידער האָבען דערצעהלט פאַר די בני-בית, וואס מיט זיי איז געשעהן אין מעזשיבוזש.

צומאָרגענס איז אָנגעקומען אין הויף אַריין אַ בעפעהל פון דעם באַראָן, אַז איצט האָט ער זיך איבערצייגט אין דער ערענטליכקייט פון זיינע יודישע פערוואַלטער און בעפולמעכטיגט זיי ווייטער צו פיהרען זיינע געשעפטען כטוב בעיניהם און אַלס בעלוינונג בעשטימט ער פאַר זיי אַ דאָפּעלטע שכירות...

„עלינו לשבח".

מאַרטירער-קדושים הויכען אויס זייערע נשמות מיט'ן עלינו-לשבח געזאַנג.

פון מאָריס ליפשיץ.

(סוף).

אין סוף פון 17 יאָהרהונדערט האָט דער שונא ישראל ווילפער ביים פערפאַסען זיין בוך געגען יודענטום, געזוכט און גענישטערט מאַטעריאַל אין פערשידענע יודישע ספרים און סידורים.

האָט ער אין די סידורים פון פערשידענע אויסגאַבען געפונען אין דער תפילה „עלינו" איבערגעלאָזט ליידיג דאס אָרט פונ'ם חרוז (שהם משתחוים וכו') און ער האָט זיך נישט געקענט בערוהיגען.

ער האָט אַזוי לאַנג געזוכט אין די ביבליאָטעקען ביז ער האָט, ענדליך, געפונען אַנ'אַלטען געשריבענעם סידור מיט דעם דערמאַנטען חרוז. ער האָט דאס בעטראַכט פאַר אַ גליקליכע מציאה און זיך דערפרעהט דערמיט, ווי מיט אַנ'אבן-טוב.

דער הערצאָג געאָרג פון העסען, פאַר וועמען ווילפער האָט פאָרגעטראָגען זיין בעשולדיגונג, האָט דאָך געצווינגען זיינע יודען צו שווערען מיט אַ האַרבער שבועה, אַז זיי וועלען די ווערטער אין „עלינו" קיינמאָל נישט זאָגען.

דער צורר-היהודים אייזענמענגער האָט אין אָנהויב 18-טען יאָהרהונדערט מעלה-גרה געווען די דאָזיגע בעשולדיגונג און איהר פאָרגעטראָגען פאַר דעם פרייסישען קעניג פרידריך 1.

דער קעניג פרירריך האָט דאַן (1702) אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל צו אַלע רעגירונגס-פרעזידענטען, זיי זאָלען בעשטימען אַ טאָג און צונויפרופען די רבנים — און וואו עס זענען נישטאָ קיין רבנים איז די זקנים פון דער קהלה און פרעגען ביי זיי אונטער אַ שטרענגער שבועה, צי איז אמת, אַז דאס וואָרט „וריק" בעציהט זיך אויפ'ן נוצרי אָדער נישט.

די געפרעגטע האָבען אומעטום פּייערליך בעשטעטיגט מיט אַ האַרבער שבועה, אַז זיי האָבען כלל נישט אין זינען דעם קריסטליכען גלויבען אין דער תפילה „עלינו".

און הגם דער דייטשער טעאָלאָג יאָהאַן היינריך מיכאַעליס פון האַלע, ביי וועמען מען האָט געפרעגט זיין מיינונג וועגען דער דאָזיגער פראַגע, האָט אויך פערזיכערט, אַז די יודען מיינען נישט מיט דער תפילה דאס קריסטענטום, האָט דער קעניג אַלץ זיך נישט געקענט בעפרייען פון דעם חשד און ער האָט אַרויסגעגעבען (1703) דעם זעהר כאַראַקטעריסטישען דעקרעט מיט פאָלגענדער הקדמה:

— „זיין בעסטער וואונש איז תמיד געווען, אַז דאס פאָלק ישראל — — — זאָל זיך פעראייניגען מיט די קריסטען און זייער גלויבען, פונדעסטוועגען נעמט ער נישט אויף זיך צו וועלען הערשען אויף די געמיטער פון מענשען, ער וויל דאס איבערלאָזען דער צייט, זי זאָל דאס דערפיהרען, אַז די יודען זאָלען זיך אָנשליסען אָן קריסטענטום; אָבער ער וואָרענט זיי אונטער אַ שטרענגער שטראָף, זיי זאָלען אין דער תפילה „עלינו" נישט זאָגען קיין ווערטער אין דער שטיל און זאָלען דערביי „אויסשפּייען".

די רעגירונג האָט גלייכצייטיג בעשטימט אויפזעהער, וועלכע האָבען געדאַרפט אָפט אַריינקומען אין די שוהלען און אַכטונג געבען דערויף.

גענוג השתדלות האָט עס געקאָסט דעם איינפלוסרייכען רבי יששכר בערמאַן פון האַלבערשטאַט (וועלכער איז געווען הויף-אַגענט פון זאַקסישען קורפירשט און קעניג פון פוילען און אויך אַ חשוב אין קעניגליכען הויף אין בערלין) צו פועל'ן מען זאָל די פּאָליציי-אויפזיכט איבער דער יודישער תפילה בעגרעניצען, מען זאָל די יודען נישט שטערען אין זייער דאַוונען.

דער לעצטער בעשולדיגטער מיט דעם בלבול איז געווען דער פּראָפעסאָר קופקע (אַ דייטש) פון קעניגסבערג, וועלכער האָט, איבער'חזר'ענדיג די אַלטע בעשולדיגונג אויפגעפאָדערט די רעגירונג צו פערוועהרען די יודען צו זאָגען די תפילה.

אויף דער דאָזיגער עפענטליכער בעשולדיגונג האָט דאַן (1777) מענדעלזאָהן געענטפערט מיט זיין אַפּאָלאָגיע א. נ. „צופעליגע געדאַנקען איבער דעם פּראָפ. קיפּקעס בעשולדיגונגען געגען די קעניגסבערגער יודען און בעזונדערס איבער דעם „עלינו-געבעט".

אויב עס איז זיי ליעב, איז עס אונז ניחא. די צרה איז אָבער, וואָס מיר האָבען זיך דערמיט פערערגערט. דהיינו: ווען עמיצער פון די פערזיכערטע איז פלוצים קראַנק געוואָרען, בעקומען שטאַרקע היץ, אָדער אַנ'אַנדערע דראָהענדע קראַנקהייט, האָט מען אָנגעקלינגען אין קראַנקען-קאַסע און אין עטליכע מינוט איז געקומען אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט געגעבען די ערשטע מעדיצינישע הילף, היינט אָבער, ווען זי איז אַריבער אין פריוואַטע הענד, קומט נאָר די פאָגאָטאָוויע אין פאַל, ווען עמיצער ווערט דערשטאָכען, צוברעכט אַ האַנד, אָדער בעגעהט זעלבסטמאָרד. דאַגעגען ביי אַנדערע פאַרפאַלען וויל די פאָגאָטאָוויע נישט קומען. ווי למשל, עמיצען האָט זיך געמאַכט אַ געשוויר אין האַלז און עס דראָהט איהם דערשטיקט צו ווערען, אויב ער וועט מוזען וואַרטען ביז מאָרגען. דאָס געהט די פאָגאָטאָוויע נישט אָן. ווען אַ קינד בעקומט 40 גראַד היץ, און מען מוז שוין האָבען אַ דאָקטאָר, געהט עס די פאָגאָטאָוויע נישט אָן. מוז מען וואַרטען ביז די קראַנקען-קאַסע וועט צומאָרגענס שיקען אַ דאָקטאָר.

מעגליך, אַז די פריוואַטע פאָגאָטאָוויע, וועלכע בעקומט פון דער קראַנקען-קאַסע די „נישטיגע" סומע פון 3.500 זל. אַ חודש, האָט געמאַכט אַזאַ אָבמאַך. זאָל אָבער די קראַנקען-קאַסע זיין פאַר דעם פעראַנטוואָרטליך.

עס בעהט זיך אַנ'אויפקלערונג...

„לא היו ימים טובים בישראל".

די גמרא דערצעהלט, אַז ביי יודען זענען געווען די שענסטע ימים טובים חמשה עשר באב און יום-כפור, ווען די יודישע טעכטער זענען ארויס שפאַצירען אין די גערטנער, האָבען זיך בעקענט מיט די בחורים און די בנות ישראל האָבען געזאָגט צו די יודישע יונגעלייט: בחור שא עיניך. און אַזוי זענען געשלאָסען געוואָרען שדוכים.

אויב איהר ווילט היינט אויך אין גלות זעהן אַזאַ בילדעל, דאַן בעזוכט די נייע סינאַגאָגע יום-כפור צו כל-נדרי, וועט איהר אין די קאָרידאָרען בעגעגענען הונדערטער פון די בנות ישראל, ווי זיי פלירטעווען מיט די יודישע יונגעלייט.

צי עס ווערען געשלאָסען פון דעם שידוכים ווייס איך נישט, אָבער אַז זיי פלירטעווען געשמאַק, איז אַ פאַקט.

ער האָט אַלץ ווייניג.

וועגען דירעקטאָר פון דער היגער עלעקטראָווניע איז אונז שוין אויסגעקומען צו שרייבען. איצט וויל איך נאָר מאַכען אַ קליינע בעמערקונג אויף זיין חשבון, וואָס ער טהוט אָן צרות יודען.

ווי בעוואוסט האָט דער דאָזיגער דירעקטאָר אַ גיט אין יאַסקרעוו, און מיט זיין פענסיע אין דער עלעקטראָווניע, דאַכט זיך, אַז ער האָט פרנסה. איז עס אָבער פאַר איהם אַלץ נאָך צו ווייניג און וויל נאָך אַרויסרייסען דאָס ביסען פון מויל עטליכע יודישע אונטערנעמער.

האָט אַ יוד צוגעשטעלט מילך אין דער היגער תפיסה ווי אויך אין שפּיטאָל, איז געקומען דעם דירעקטאָר'ס אַדמיניסטראַטאָר און געגעבען אַ ביליגערע אָפערטע. דער יוד האָט זיך דאָך נישט געלאָזט אַרויסשטיפען פון פּלאַץ, האָט ער פון פרייז נאָך אַראָבגעלאָזט אַזוי, אַז ער לייגט צו געלד.

אַ צווייטער יוד האָט צוגעשטעלט פּראָדוקטען אין דער תפיסה- האָט דער דירעקטאָר געשיקט זיין אַדמיניסטראַטאָר און געגעבען אַ ביליגערע אָפערטע. דער יוד האָט זיך נישט געלאָזט און אַז ער וועט שוין נישט פערדינען איז אַ פאַקט.

עס איז אָבער טשעקאַווע צו וויסען, נאָך וואָס דאַרף דער דירעקטאָר אַזוי פיעל געלד. דאַכט זיך, אַז זיין קאַפּיטאַל, וואָס ער האָט געמאַכט אין פוילען האָט ער לאָקירט אין די אויסלענדישע בענק. אפשר וואָלט ער געלאָזט פוילישע בירגער אויך פערדינען.

צו איז איהם אַלץ צו ווייניג?

אויך זיי קומען אין חשבון.

וועגען די קויהלען און לעדער סוחרים, האָב איך שוין געשריבען, ווי אַזוי זיי מסר'ן זיך אַ ביסעל אונטער אין סקאַרב, ווי אויך אין אַנדערע אורזשאָנדען. איצט קומט צו נאָך אַ בראַנזשע צום חשבון, דאָס זענען די יודישע שאַכטעל-מאַכער.

זיי, די דאָזיגע פּאַפּירענע און טאָוולענע העלדען, האָבען שוין אַמאָל געהאַט אַ קאָאָפּעראַטיוו. האָט ער זיך צוקלאַפּט און מען קאָנקורירט. וואָלט דאָס אָבער נאָך נישט געווען דאָס ערגסטע, פּאַסקודנע איז דאָס, וואָס מען מסר'ט.

נעמען זיך צונויף עטליכע שאַכטעל-מאַכער און שרייבען אָן אַ בריוועלע, אַז דער און דער שאַכטעל-מאַכער האָט זיינע מאַשינען כלומרש'ט פערקויפט און פאַקטיש זענען עס זיינע מאַשינען, און ער מוז צאָהלען פאַדאַטקעס. פערנעמט מען איהם די מאַשינען און מען מאַכט אומגליקליך אַ געדריקטען מענשען.

יאָ אויך שאַכטעל-מאַכער, מען קאָן אייך אויפרופען מיט אַ ברייטען יעמוד! און אייך צורעכענען צו דער חברותא...

אַ שעהנער טהאַט.

וויפיעל יודען עס האָבען געקויפט ארץ-ישראל אתרוגים אויף היינטיגען סוכות קען איך נישט זאָגען, אָבער אַז דער „אהל יעקב" האָט גאַנצע 3 ארץ-ישראל אתרוגים איז אַ פאַקט, און בעקומען עס האָבען זיי אויף פאָלגענדען אופן:

זייער מתפלל ה' זאַקסענהויז האָט אַ פּרדס אין ארץ-ישראל, וואו עס וואַקסען אתרוגים. שיקט מען דאָ אַהער אַביסעל אתרוגים, פון וועלכע ער שענקט די שענסטע דריי פאַר דער שוהל.

זעהר אַ שעהנער טהאַט.

מיר האָבען געווינען.

מיט'ן אָבפאָהרען פון ה' פאָגעלבוים פון טשענסטאָכאָוו האָבען מיר פערלוירען דעם איינציגען יודען, וואָס איז געווען אין בייראַט ביים מאַגיסטראַט. אַזוי, אַז די יודישע בעפעלקערונג אין טשענסטאָכאָוו איז געבליבען אָהן אַ פערטרעטער ביי דער קאָמונאַלער אינסטיטוציע.

איצט מעלדען די צייטונגען, אַז דער בייראַט האָט זיך געוואָנדען צום וואָיעוואָדאַ, אַז אויפ'ן אָרט פון ה' פאָגעלבוים זאָל בעשטימט ווערען דער ה' ווילהעלם זשעריקער. אונזער זשעדיקער, וועלכער איז גלייכצייטיג דאָזאָר, וועט איצט זיין דער פערטרעטער פון דער יודישער בעפעלקערונג אין מאַגיסטראַט.

דער אונטערשיד פון ה' פאָגעלבוים ביז ה' זשעריקער, איז, וואָס דער לעצטער איז אַ נאַציאָנאַלער בעל-בתישער יוד און איז מעהר צונויפגעבונדען מיט די יודישע מאַסען אַזוי, אַז מיט דער נאָמינאַציע פון ה' זשעריקער האָבען מיר פיעל געווינען.

ער נעמט נדבות מיט... מוזיק.

כלערליי אופנים ווענדען אָן די פערשידענע בעטלער כדי צו בעקומען נדבות.

ווען עס וואָלט געפיהרט געוואָרען אַ רעגיסטער, וואָלט זיך בעקומען אַ זעהר אינטערעסאַנטע קאָלעקציע ווי אַזוי מענשען בילדען אויס אַלערליי קונצשטיקען אבי צו קאָנען בעקומען אויף ברויט.

מען זעהט היינט בעטלער, וועלכע נעהמען דעם עולם מיט מוזיק. זיי געהען אויף די הויפען און דער אָרקעסטער שפּיעלט אַ טרויעריגס אי אַ פרעהליכס און פון די פענסטער און באַלקאָנען זענען געפאַלען מטבעות איינגעוויקעלט אין פּאַפּירלעך.

איז אָבער דאָס געשעפט געפאַלען, דער עולם האָט זיך צוגעוואוינט צו די הויף-אָרקעסטערס און וואַרפען ווייניג מטבעות דורך די פענסטער.

נעמט זיך אַזאַ „קינסטלער" אַ פידעל אָדער אַ פיסטשאַלקע און געהט אין די שטיבען און שפּיעלט אָב אַ טרויעריגס און אַ פריילעכס און בעקומט אַ נדבה.

מען בעטעלט נישט היינט לויט'ן אַלטען שטייגער, נאָר לויט'ן נייעם נוסח, מיט מוזיק...

לויתן.

ר' יאָקעלע וויל א גט...

(פון די ראַבינאַט מעשה'לעך).

אין גאס דרעהט זיך ארום אַ קליין אַלט יוד'ל מיט א קליינע מאַנאַפּאָלקע אין איין האַנד און מיט אַנ'אַלטע האַלב צוריסענע וואַליזקע אין דער אַנדערער האַנד.

דאָס יודעל מיט דער גראָהער באָרד און א רבּנישען קאפּעלוש אויפ'ן קאָפּ האָט ארויסגערופען אויפמערקזאמקייט בּיי די דורכגעהער.

לעצטענס האָב איך דאָס יודעל גע־טראָפען אין ראַבּינאט, וואו ער איז געקומען זיך משתדל זיין וועגען א גט פאָר זיין ווייב מינדעלע. און אָט וואָס ער דערצעהלט:

ער, יאָקעלע פעלדלויפער איז גע־בּוירען אין וואָלבּראָם, נור אנ'ערך פון 50 יאָהר האָט ער געוואוינט אין זאַווערטשע, וואו ער האָט געהאט א בּעקערייי. אַלט איז ער לויט'ן פּאס 84 יאָהר, נאָר מעגליך איז ער שוין על־טער. מיט עטליכע יאָהר צוריק איז זיין ווייב געשטאָרבען אין דער עלטער פון 75 יאָהר. און אזוי ווי די בּעקערייי האָט ער שוין נישט, פאָהרט ער ארום אויף גאסטראָלען איבּער דער מדינה — ער שטאָט אָבּ אויך וויזיטען בּיי אַ גרויסע צאָהל רבּיים, וועלכע זענען איהם שטאַרק מקרב. אזוי למשל, האָט ער דעם רבּנישען קאפּעלוש צוגענו־מען בּיים קרימעלאָווער רבּין, נאָר די ראַנדען האָט ער אראָבּגעלאָזט, אזוי אַז ער מאכט דעם איינדרוק פון א רבּין מיט די ראַנדען אַראָבּ... אויך דערצעהלט ער, אז די וואַליזע וואָס ער שלעפּט מיט זיך מיט, האָט געהערט אַמאָל צום „חסד-לאברהם“, און ער וויל זיך נישט מיט איהר שיי־דען, ווען מען זאָל איהם פאר איהר געבּען אפילו א 10 גילדען...

איינמאָל האָט ער געטראָפען א פרוי וועלכע איז אויך געפאָהרען אויף דער מדינה, מיט'ן נאָמען מינדעלע. האָט ער איהר גערעדט א שידוך, און אזוי ווי דער חתן איז נישט בּעשטאַנען אויף דער כלה, האָט ער, ר' יאָקעלע חתונה געהאט מיט מינדעלען. דער זיווג איז אָבּער ווי עס ווייזט אויס נישט עולה יפה געווען, ווארום צוויי וואָכען נאָך דער חתונה האָט דאָס יונגע ווייבּעל חרטה געטענה'ט און פערלאַנגט פון איהם א גט, אז נישט סטראשעט זי איהם, וועט זי חתונה האָבּען אָהן א גט. היות אָבּער, ווי ער וויל נישט צולאָזען צו אָזאַ זינד, איז ער געקומען צום ראבּינאט, אַז מען זאָל איהם אָנשרייבּען א גט און ער וועט עס איבּערגעבּען זיין אשת חיל.

ר' יאָקעלע איז נאָך א זשוואָווע יודעל, ער זעהט אָהן בּרילען און הערט זעהר גוט, נאָר די ציין האָבּען איהם פערלאָזט און ער עסט געווייקט בּרויט, וועלכעס שמעקט איהם בּעסער ווי די נגידים אַ געבּראָטענער אינדיק. אויך שלאָפט ער אין שטיבּעל אויף דער האַרטער בּאַנק, וואָס איז איהם בּעסער ווי די נגידים, וועלכע שלאָפען אויף מאַטראַצען. ער האָפט נאָך צו דערלעבּען משיח'ן, וועלכער וועט קו־מען, לויט ווי ער זאָגט דעם קומענ־דען פסח.

ער איז מונטער, לעבּעדיג, אויף א סך יונגערע סוחרים געזאָגט. לערנען קאָן ער נישט און ער איז עוסק אין תהילים זאָגען, וואו ער איז זיכער, אַז בּזכות דעם תהילים וועט ער נאָך גע־האָלפען ווערען, און זיין הילף בּע־שטעהט אין דעם, אז ווען ער וועט אָבּגעטען מינדעלען, וועלכע האָט אויך, לויט ווי ער זאָגט, אַ חסרון. דהיינו: זי שאָקעלט זיך. וועט ער נאָך חתונה האָבּען מיט א צווייטע בּעשערטע, און ער וועט נאָך די זכייה האָבּען צו דערלעבּען משיח'ן.

ר' משה יצחק האָט יאָקעלען געהיי־סען בּרענגען מינדעלען, און אויבּ עס וועט זיך אַרויסווייזען, אז זי בּעשטעהט אויף א גט, וועט מען איהם אויפבּינ־דען...

ר' יאָקעלע איז אוועק אויפזוכען זיין ווייבּ מינדעלע און בּקרוב וועט מען האָבּען אין היגען ראַבּינאט א גט צווישען א 85 יעהריגען מאַן מיט א 45 יעהריגע יודענע.

שמעלקע.

MYDŁO i KREM
HERBA
to symbole piękności i zdrowia cery!
MYDŁO HERBA przy codziennem użyciu usuwa skutecznie i zapobiega tworzeniu się piegów, wągrów, liszaji itp.
KREM HERBA odświeża i udelikatnia cerę!
KREM HERBA jest do nabycia od Zł. 0.90

יום כפור אין די שוהלען.

מעהר ווי אנדערע יאָהרען זענען די שוהלען היי־יאָהר געווען איבּער־פולט פון מתפּללים.

אין דער שטאָדט-שוהל זענען די תפילות אויסגעפיהרט געוואָרען סיי פון בּעל-שחרית ר' משה זאַנדער און פון בּעל-מוסף דעם שטאָדט-חזן ה' בּאַ־דאַש מיט דעם גרעסטען ערפאָלג. אויך דער כאָר אונטער דער לייטונג פון דיריגענט ה' ראָטענבּערג האָט אסך בּע־סער געזינגען ווי ראש השנה.

איבּערהויפּט איז ה' בּאַדאַש ווערט א יישר כח פאר'ן כל נדרי, וועלכען ער האָט געזאָגט קאָנצערט, אזוי אַז דער עולם איז געווען בּעגייסטערט.

אין דער נייער סינאַגאָגע איז היי־יאָהר געווען איבּערפולט פון מתפללים, איבּערהויפּט צו כל-נדרי, וואו עס זע־נען געווען אַנוועזענד פיעל קריסטלי־כע לעהרער און אויך מוזיק-פּראָפעסאָ־רען, וועלכע זענען געקומען הערען אונזערע טראַדיציאָנעלע געזאַנגען.

דער אָבּער-קאַנטאָר ה' פישעל האָט מייסטערהאַפט אויסגעפיהרט די תפלות, אַזוי כל נדרי אין נאָך מעהר בּיי מוסף און נעילה, ווי ה' פישעל איז געווען בּיי דער פולער שטימע און „געפיפען“ אויף דער גאַנצער פאָרע.

דאָגעגען דער כאָר האָט דאָסמאָל אָבּיסעל אונטערגעהינקט, כאָטש עס איז נישט צו פערשטעהן פאַרוואָס. עס איז דערזעלבּער דיריגענט און דער זעלבּער כאָר, זאָגאָר דיזעלבּע סאָליס־טען און דאָך האָט עס נישט געקלאָפּט. די סבּה זאָל זיין וואָס די יונגלעך זע־נען נישט ווי געהעריג צוגעגרייט גע־וואָרען פאר די ימים-טובים, וואָס דאַרף אומבּעדינג געטאָדעלט ווערען, און אויבּ מען לערנט נישט קען מען טאַקי נישט. און אויך מוז געטאָדעלט ווערען דאָס, וואָס דער דיריגענט האָט פאר כעס געשלאָגען די יונגלעך, אָבּער מיט שלאָגען האָט מען נאָך קיינעם נישט אויסגעלערנט זינגען... א כאָר, איבּער־הויפּט די יונגלעך מוז מען לערנען און דערצו דאַרף מען האָבּען געדולד און אויסדויער.

מ. כ.

נדבות אין רעדאַקציע.

עקיבא גאָלדבערג: 3 זל. פאָר בּית־לחם, 2 זל. פאָר מחזיקי - הדת. דוד וויינבּוים: 3 זלאָטעס פאָר בּית-לחם. מ. הערצבּערג 1 זל. פאָר בּית-לחם.

די אויפזיכטס-מאַכט בּעשטעטיגט די וואה־לען פון די קהלה-פּרעזידיום'ס.

פערגאַנגענעם פרייטאָג איז בּעוואוסט געוואָרען אין שטאָדט אַז די אויפזיכט־מאַכט האָט בּעשטעטיגט די לעצטע וואָהלען פון פּרעזידיום פון דער קהלה פערוואַלטונג און קהלה-ראָט, אַלס פּרע־זעס פון דער פערוואַלטונג ה' יעקב ראָזענבּערג (דעמאָקראַטישע גרופּע) און אַלס וויצע-פּרעזעס ה' בּעריל געווערצ־מאַן (אונפּאַרטייאישע חסידים), פּרע־זעס פון קהלה-ראָט ה' חיים וועקס־לער און וויצע-פּרעזעס ה' אַנשיל וואר־שאַווסקי (בּיידע מזרחים).

אין זעלבּען טאָג האָבּען אַלע אוי־בּענדערמאָנטע בּעקומען צוגעשיקט פון דער סטאַראָסטוואָ אָפיציעלע מעלדונ־גען וועגען דעם בּעשטעטיגען זייערע מאַנדאַטען.

גלייכצייטיג האָט דער בּיז-יעצטיגער קהלה-פּרעזעס ה' ש. גאָלדשטיין בּעקו־מען אַ מעלדונג וועגען בּעשטעטיגען די נייע פּרעזידיומס און וועגען דעם צופּאַסען זיך צום פּאַראַגראַף 78 פון קהלות-געזעץ, וועלכער בּעשטימט דעם טערמין פון איבּערגעבּען די קהלה-לייי־טונג צו דער נייער קהלה.

די וואָהל פון ה' ראָזענבּערג אַלס קהלה-פּרעזעס האָט, ווי בּעוואוסט, גע־האָט א גרויסע געגנערשאַפט מצד דער נאַציאָנאַלער גרופּע (ציונים, מזרחים), אויך דער וואָהל פון ה' געווערצמאַן אַלס וויצע-פּרעזעס איז פּאַרגעקומען דורך א צופעליגקייט, עס איז דאָרי־בּער נישט בּעוואוסט ווי אזוי די גע־גנער וועלען זיך בּעציהען צו דער ניי־ער פערוואַלטונגס-פּרעזעסור, אויבּ זיי וועלען בּלייבּען אין דער אָפּאָזיציע בּיי דער קהלה-אַרבּייט, וואָס די נאָהנ־טסטע טעג וועלען געוויס פעסטשטע־לען.

די דריטע לאָטעריע אויף אַנ'אומ־זיסטע רייזע קיין ארץ-ישראל.

נאָכ'ן דורכפיהרען מיט ערפאָלג די ערשטע 2 לאָטעריעס אויף אומזיסטע רייזעס קיין ארץ - ישראל האָט דער צענטראַל-קאָמיטעט פון דער ציוניסטי־שער אָרגאַניזאַציע אין פּוילען בּעקומען אַ ערלויבּניש פון דער גענעראַל-דירע־קציע אויף צו אָרגאַניזירען א דריטע לאָטעריע.

יעדער צעטיל פון דער דריטער לאָ־טעריע קאָסט 5 זל. און גיט די מעג־ליכקייט צו געווינען 2 אומזיסטע ריי־זעס קיין ארץ-ישראל. יעדער צעטיל קען אָבּער צוטיילט ווערען אויף צוויי האַלבּע צעטלען און יעדער האַלבּער צעטיל גיט די מעגליכקייט צו געווי־נען אַ רייזע. די פּראַקטיק מיט די גע־ווינסען בּיי די פריהערדיגע לאָטעריעס האָט בּעוויזען, אַז מאַנכע פערזאָנען ווינשען זיך צו מאַכען די אינטערע־סאַנטע רייזע קיין ארץ-ישראל אין דער בּעגלייטונג פון א צווייטער נאָהנטער פּערזאָן. מיט'ן איינפיהרען צוויי ריי־זע - געווינסען אויף איין צעטיל איז דאָס מעגליך געוואָרען.

די ציהונג פון דער לאָטעריע וועט פּאָרקומען דעם 20 נאָוועמבּער ד. י. דער דאָזיגער טערמין איז אנ'ענדגיל־טיגער.

די געווינער פון דער ערשטער לאָ־טעריע האָבּען שוין געמאכט זייער ריי־זע קיין ארץ-ישראל (איינער פון זיי, סטודענט וויינשטיין, איז שוין זאָגאָר צוריקגעקומען). אין דער נעכסטער צייט פאָהרען אָבּ קיין ארץ-ישראל די, וועל־כע האָבּען זוכה־ בּגורל געווען בּעת דער ציהונג פון דער צווייטער לאָטע־ריע.

בּכלל איז דער אויפטהו פון די לאָ־טעריעס אויף אומזיסטע רייזעס קיין א"י אויפגענומען געוואָרען דורך די ציוניסטישע מאַסען מיט גרויס צופרי־דענהייט און זיי האָבּען זעהר גערן געקויפט די צעטלען, וועלעגדיג גע־וואונען די מעגליכקייט צו בּעזוכן די יודישע נאַציאָנאַלע היים.

פאַר'ן געזונד פון איהר פאַמיליע איז פּעראַנטוואָרטליך יעדע ווירטין. און כאָטש עס קומט איהר נישט לייכט אָן אַלץ ווי געהעריג צוזאַמענצושטעלען בּעגריסט זי יעדע נייע שפּייזע. צום בּיישפּיל עטקער'ס פּודינג ווערט שטענ־דיג אויפגענומען מיט פרייד, ווייל ער איז געשמאַק, נאַרהאַפט און נישט-טייי־ער. אַ פּעקיל געניגט פאר 3—6 פּער־זאָן; מען קען דעריבּער די קליינע אויס־גאַבּע איינשפּאָרען אויף עפּיס אַנ־דערש.

ה' וו. זשעריקער מיטגליד פון בּייראָט בּיי דער צייטווייליגער שטאָדט-פערוואַלטונג.

ווי בּעוואוסט האָט דער איינציגער יודישער פערטרעטער אין היגען שטאָ־דטישען בּייראַט ה' פּאַגעלבּוים מיט א צייט צוריק פערלאָזט אונזער שטאָדט און דער דאָזיגער אַמט איז בּיז-יעצט נישט בּעזעצט געוואָרען.

איצט ווערט מיטגעטיילט, אַז אויפ'ן דאָזיגען אַמט איז בּעשטימט געוואָרען דער דאָזאַר ה' וו. זשעריקער. די דאָ־זיגע נאָמינאַציע דאַרף נאָך פאָרמעל בּעשטעטיגט ווערען דורך דער וואָיע־וואָדסטווע.

אינפאָרמאַציע-בּיוראָ בּיי דער ציוניסט. אָרג. אין תל-אביב.

די אַלגעמיינע ציוניסטישע אָרגאַני־זאַציע אין ארץ-ישראל איז מודיע, אַז דאָס אינפאָרמאַציע - בּיוראָ וואָס איז דורך איהר געשאַפען געוואָרען אין תל-אביב ערטיילט בּחנם אַלע נויטיגע ידיעות וואָס זענען נוגע דעם יודישען לעבּען אין ארץ-ישראל. די ידיעות זע־נען גענויע און זיכערע אויף וועלכע מען קען זיך שטיצען.

די אַדרעס: אינפאָרטאַציע-בּיוראָ בּיי דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַ־ניזאַציע אין א"י ליליענבּלום גאס 40 תל-אביב, ארץ-ישראל.

דער קאַמף געגען אונלעגאַלע ווערקשטאַטען.

דער קאָמיטעט, וועלכער איז געשאַ־פען געוואָרען פון אַלע היגע האַנד־ווערקער-צעכען צו בּעקעמפען די אונ־לעגאַלע ווערקשטאַטען, געפינט זיך אין דער ערשטער אַלעע 9 № און האָט אַרויסגעשיקט אַ פעראָרדנונג צו אַלע היגע צעכען, אַז זיי זאָלען מימ דער הילף פון זייערע סעקרעטאַריאַטען פיה־רען א קאַמף געגען די אונלעגאַלע ווערקשטאַטען און בּיי יעדען פאַל מעל־דען דעם סעקרעטאַריאט פון הויפּט-קאָ־מיטעט, אַלעע 9.

במשך דער קורצער צייט וואָס די היגע בּעוואוסטע קויהלען-פירמע י. מ. גרינפעלד האָט איינגעפיהרט אויך א איינצעל-פערקויף אויף פוהרען קויי־לען, וועלכע ווערען אָבּגעשיקט אהיים, האָט זיך די דאָזיגע פירמע ערוואָרבּען גרויס סימפּאַטיע צוליעבּ איהר זעהר רעליגיעזער און פּונקטליכער בּעהאַנד־לונג און די בּעסטע קוואַליטעט קויה־לען, וואָס ער פערקויפט, פון וואָס די קונדען זענען העכסט צופרידען.

עס איז אויך נישט קיין וואונדער וואָרים גוטע קויהלען און רעעלע בּע־האַנדלונג האָט איבּערהויפּט ווינטער צייט זעהר פיעל צו זאָגען.

א שענע נדבה.

דער אינהאָבּער פון קינאָ „אַטלאַנטיק“ אַגראַדאָווא גאַס, האָט געשפּענדעט 50 זלאָטעס פאַר יודישע אינסטיטוציעס צו דער דיספּאָזיציע פון דער יודישער קהלה, אויף דער האַנד פון פּרעזעס ה' יעקב ראָזענבּערג און דאָזאָר ה' וויל־העלם זשעריקער.

אַ ווייס-בּלויער בּאַל.

אין קורצען וועט פאָרקומען אַ ווייס־בּלויער בּאַל אין זאַל פון עוואַנגעלי־קער אַלעע 14.

טיי - אָוונד בּיי די לינגוויסטען.

מיט דער בּענייאונג פון דער טע־טיגקייט בּיי די לינגוויסטען קומט פאָר זונטאָג, דעם 16 ד. ח. 9 אָוונד אין נייעם לאָקאַל (וויינשטאָק'ס שולע) אַ ערעפנונגס-טיי-אָוונד.

פון ספּאָרט.

לייכטאַטלעטישער מעטש י.ט.ס.פ.— בּריגאַדאַ.

די זעהר לעבּהאַפטע לייכטאַטלעטישע סעקציע בּיים יודישען טורן-און ספּאָרט־פעראיין נאָך דעם זעהר איינגעגעבּע־נעם און רייכען סעזאָן, קעמפט דעם צווייטען טאָג סכּות (זונטאָג) אויפ'ן סטאַדיאָן פון מאַרשאַל פּילסודסקי מיט דער ערשטקלאַסיגער און שטאַרקסטער לייכטאַטלעטישער מאַנשאַפט פון טשענ־סטאָכאָוו בּריגאַדאַ, וועלכע בּעזיצט, אין איהרע רייהען ערשטקלאַסיגע טאַ־לענטען.

עס אונטערליגט נישט קיין שום צווייפעל, אַז די מענער-מאַנשאַפט פון י.ט.ס.פ. וועט פערשפּיעלען, עס איז אָבּער נישט אויסגעשלאָסען, אַז די דאַ־מען-מאַנשאַפט וועט זיעגען.

יעדענפאַלס האָבּען די קאַמפען ארויס־גערופען א גרויסען אינטערעס אין די היגע ספּאָרט-קרייזען.

פון „וואַרטאַ“.

היינטיגען שבת, (1-טער טאָג סוכות) פון האַלבּ 2 נאָכמיטאָג און זונטאָג (2-טער טאָג סוכות) פון 9 פריה קומען פאָר אויפ'ן אייגענעם ספּאָרט-סטאַדיאָן פון יודישען ספּאָרט-קלוב „וואַרטאַ“, קאַשאַראָווא 22 אינערליכע לייכט-אַטלע־טישע קאַמפען פון י. ס. ק. „וואַרטאַ“ (יוניאָרען, מענער און פרויען).

אַלע מיטגלידער, וואָס ווילען אנ־טיילנעמען אין די דאָזיגע קאַמפען קענען זיך איינשרייבּען און בּעקומען אינפאָרמאַציעס אין סעקרעטאַריאַט פון ספּאָרט-קלוב „וואַרטאַ“ (אַלעע קאָש־טשושקי 16).

אַזוי ווי די לייכטאַטלעטישע קאַמפען טראַגען א פּראָפּאַגאַנדע - כאַראַקטער, וועט דער איינגאַנג פאַר'ן פּובּליקום זיין אומזיסט.

פון יודישען טורן און ספּאָרט-פעראיין.

צוליעבּ דעם רעמאָנט, וואָס ווערט אַדורכגעפיהרט אין לאָקאַל פון י. ט. ס. פ. זענען דערווייל איבּערגעריסען די גימנאַסטישע לעקציעס. וועגען בּע־נייען זיי וועט בּעזונדער געמאָלדען ווערען.

קליינער פעליעטאָן.

לישב בסוכה...

בּאַלד ווי כ'האָבּ זיך מיט מיין בּני בּית מוצאי יום כּפור בּעגריסט מיט דעם טראַדיציאָנעלען „מ'זאָל זיך האָ־בּען אויסגעבּעטען“, האָט מיין מח אָנ־געהויבּען טראַכטען: וועגען וואָס שרייבּט מען דעם סוכות'דיגען פעליעטאָן.

און צו טראַכטען האָבּ איך געהאַט גענוג, ווארום פערגעסט נישט, אַז מיר האָבּען ענדליך בּעקומען אַ בּע־שטעטיגטע קהלה, וואָס עס האָט גע־דויערט קנאַפּע אַנדערטהאַלבּען יאָהר, האָבּ איך געקאָנט פערגלייכען די קהלה צו א סוכה, וואָס שטעהט אויף היה־נערשע פיסלען, אַז די פראַקציעס זע־נען צוזאַמענגעשטעלט פּונקט אזוי ווי אין א סוכה, יעדע וואַנד פון אנ'אַנדע־רע סאָרט, א וואַלגער-האָלץ, א לאָק־שען-בּרעט און אַנדערע דרענגער...

דאַן וואָלט איך געקענט מאָלען א פאַנטאַסטיש בּילד פון די „אושפּיזין“, ווי אַזוי זיי קומען זיך צוזאַמען אין דער סוכה (לייען קהלה) און ווי אזוי יעדער זאָגט אַרויס אנ'אַנדער חכמה און קעמפט מיט מסירות - (הפּאַרטיי) נפש פאַר זיינע פּאָסטולאָטען.

דאַן וואָלט איך געקאָנט נעמען און פערגלייכען די מאכלים וואָס מען גיט אויפ'ן טיש אין דער סוכה מיט די „מאכלים“ פון דער קהלה, ווי למשל די קאָסטענס פון דער „סאַלאַ זאַיענטש“ מיט די סחורות, וואָס ליגען אינעווייניג, דאַן דאָס „געריכט“, די מקוה, וואָס האַלט בּיים אונטערגעטיג־קען ווערען... און וועגען דעם „מאכל“, וואָס הייסט שחיטה איז דאָ ווייניג צו שרייבּען? מאַלע, וואָס מען וואָלט אַלץ געקענט פערגלייכען. איך האָבּ זיך אָבּער מישב געווען. ניין! מען טאָר וועגען דער קהלה נישט שרייבּען, איהר הערט דּבּורים: מען טאָר וועגען דער קהלה נישט שרייבּען (כאָטש אין אַזאַ שטאָדט ווי טשענסטאָכאָוו, אויבּ מען זאָל נישט טאָרען שרייבּען וועגען דער קהלה איז איבּערהויפּט נישטאָ וועגען וואָס צו שרייבּען) אָבּער איצט לכל הפחות מוז מען אָבּוואַרטען, איך ווייס נישט אויף וועלכער וועלט כ'בּין, צי כ'זאָל זיין געטריי דער נייער קהלה אָדער נישט (א צייטונגס-שרייבּער מוז האָבּען א גוטען חוש-הריח און צו דער רעכטער צייט דאַרף ער זינגען לויבּ־געזאַנגען אָדער פערקעהרט, מאכען אַ בּייזע מינע)... היות אָבּער ווי איך ווייס נאָך לעת עתה נישט, וואָס איך זאָל טהון, וועט זיין-גלייכער דערווייל צו שווייגען...

האָבּ איך געוואָלט נעמען אַנ'אַנדע־רע טעמא, ווי למשל פערגלייכען די סוכה צו אונזער גאַנצען לעבּען, וועל־כעס איז אויך נישט מעהר ווי אַ דירת ארעי און יודען צווישען זיך לעבּען ווי די טיילען פון דער סוכה, וואָס זענען צוזאַמענגעשטעלט פון פער־שידענע כלים און קענען זיך בּשום אופן נישט צונויפריידען. און דאָס איז אונזער אומגליק, דערפאַר זענען אונ־זערע פּרנסות געשלאָגען, דערפאַר זע־נען מיר - נאָר פלוצים עפענט זיך די טיער און עס קומט אריין מיין האַרציגער שכן ישראל יודעל. איך זאָג „האַרציגער“, ווייל איך האָבּ זיך ווירקליך מיט איהם דערפרעהט, איך האָבּ פשוט געוואָלט פון איהם עפּיס הערען און פון דעם מאכען אַ פעליע־טאָן.

— וואָס הערט זיך ליעבּער שכן — פרעג איך איהם — ווי אַזוי איז אייך דער תענית אריבּער און דער עיקר ווי אַזוי גרייט איהר זיך צום יום-טוב סוכות.

— עט—זאָגט מיין שכן.

— וואָס עט—ציה איך בּיי איהם, וואָס זאָרגט איהר, מיר האָבּען שוין גרעסערע צרות אַדורכגעלעבּט און פונ־דעסטוועגען לעבּען מיר און מיר וועט לען ווייטער לעבּען.

— ניין,—וויל מיר נישט נאָכגעבּען ישראל יודעל—עס איז נישט גוט, אַ בּע־ווייז האָבּ איך אין ערב יום-כּפור אויף דעם בּית-עולם. אזוי פיעל מענשען האָבּען זיך אַרויסגעלאָזט אויפ'ן בּית־עולם רייסען קברים איז אויך א שלעכ־טער סימן, ווארום איהר מוזט וויסען— רעדט ווייטער ישראל יודעל—בּיי יודען איז א מנהג, אַז קוים געפונט זיך אַ שווער-קראַנקער אין שטובּ ווענדט מען אָן אַלע מיטלען איהם צו היילען און ערשט דאַמאָלס, ווען קיין דאָקטוירים העלפען נישט, כאַפּט מען זיך אָן אין לעצטען מיטעל—צו רייסען קברים און אויבּ מען רייסט שוין קברים, איז א סימן, אַז מיר זענען אַ חולה מסוכן...

— עט, שפּרינג איך ארויס מיט מיין שכנ'ס „עט“. אָט האָבּען מיר א ניי יאָהר און מיר האָבּען זיך אויסגעבּע־טען א גמר חתימה טובה, זאָלען מיר האָבּען בּטחון, דער איינציגער טרייס־טער אויסצוהאַלטען די צרות, זאָלען מיר מאַכען א סוכּה און דאָרט וועלען מיר אפשר קומען צו אַ טאָלק און גע־פונען אַ תרופה צו אונזערע צרות.

— אָט וועגען דער סוכּה בּין איך זיך טאַקי געקומען מיט אייך בּעראָ־טען—זאָגט מיין שכן—איך ווייס נישט וואָס איך זאָל טהון, צי מיר זאָלען איבּערהויפּט שטעלען אַ סוכּה?

— וואָס רעדט איהר?! וואָס הייסט נישט שטעלען קיין סוכּה. עס איז דאָך דאָ אַ בּפירוש'ע מצוה אין דער תורה.

— איהר זענט שוין ווידער דאָ מיט אייערע דינום—רייסט מיר איבּער ישראל יודעל—און שפיכות - דמים איז נישט קיין איסור פון דער תורה? אָט איז דאָ בּיי אונז אויפ'ן הויף ר' בּעריש, וועל־כער וועט האָבּען אויף יום-טוב קוים א טרוקען שטיקעל בּרויט מיט אַ קאַר־טאָפעל, צי וועט ער זיך נישט פיה־לען אומגליקליך צו קומען אין סוכּה אריין און ווייזען זיין אָרימקייט? איז דען נישט גלייכער איינגאַנצען נישט צו שטעלען קיין סכּה, אָבּי נישט יע־נעמס בּלוט צו פערגיסען?

איך בּין געפלעפט געוואָרען פון יש־ראל יודעלס אַרגומענטען און איך האָבּ זיך אָנגעכאַפּט אין דעם דאָזיגען גע־דאַנק, און האָבּ טאַקי בּעשלאָסען צו שרייבּען וועגען אָט די טויזענדער יודען, וואָס וועלען היי-יאָהר ליידער נישט קענען זאָגען מיט'ן גאַנצען האַר־צען און מיט א פרעהליך געמיט דעם טראַדיציאָנעלען, לישב בּסוכּה.

סמאל

אט טאקי אזוי באקט נור
ד״ר עטקער׳ס באַק-פּולווער

Baekin

מען דאַרף פארשטעהן, אז שוין מעהר ווי 30 יאָהר ווערט געארבייט אין דער הינזיכט צו פערבעסערן דעם איינציגען אין זיין מין, באַק-פולווער. „באקין״ איז געוועזען גוט שוין מיט 35 יאָהר צוריק. און דעריבער טאקי איז געווען אַזוי שווער איהם צו פערבעסערן. אונערמידליכע פאָרשונגען און עקספערימענטען האבען געפיהרט צום

יעצטיגען פּראָדוקט וועגען וועלכען מען קען זאָגען, אז ער **איז אונפערגלייכבאר!**

יעדע הויז -ווירטין ווייסט דערפון, דעריבער באקען אלע לויט עטקערס פאָרשריפטען מיט׳ן בעסטען ערפאָלג. זעהר א סך פראקטישע פאָרשריפטען ענטהאַלטען „די רעצעפּטען פון ד״ר עטקער״ אויסגאבע F (פרייז 40 גר.) און „ד״ר עטקער׳ס קאָך-בוך״ (85 גר.), וועלכע מען קען בעקומען אין די שפּייז-לאגערן און ביי ד״ר א. עטקער אָליוואַ, געגען ביילעגען פּאָסט-מאַרקען.

ווינכטיג פאר סוחרים, פאבריקאנטען און קליינהענדלער

דער בעוואוסטער דורך זיינער לאנגיעריגער פראקטיק

אין אלע האנדעלס-צווייגען אלס **בוכהאלטער=בילאנסיסט**

N. LANDAU,

נעמט אן איינצואָרדנען ווי אויך צו פיהרען האנדעלס-ביכער, מאכט יעהרליכע בילאנסען, ברענגט אין אָרדנונג פערנאכלעסיגטע האנדעלס - ביכער א. ד. ג.

— צו זעהר גינסטיגע בעדינגונגען. —

וועגען גענויערע אָנפראגען און אינפאָרמאציעס זיך צו ווענדען בריעפליך אדער פערזעהנליך צו:

נ. לאנדוי, אלעע 8, 2-טער טויער, 1-טער שטאָק.

Biuro „PORADA“ Aleja 35

ערלעדיגט אלערליי ביטעס צו מלוכה׳שע, קאָמונאלע און געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס.

שרייבט רעקורסען געגען דער אויסטעסטונג פון חכנסה-שטייער.

אלעס ווערט ערלעדיגט פונקטליך און געוויסענהאפט.

KONCESJONOWANE WIECZORNE

KURSY BUCHALTERYJNO-HANDLOWE

Inż. Comm. **H. SPITZA**

i dypl. abs. W. S. H. **S. MARKOWICZA**

PRZYJMUJĄ ZAPISY NA BIEŻ. PÓŁROCZE.

Po złożeniu egzaminu-**Dyplom** w-g wzoru Min. W. R. i O.P.

Informacje — ul. Katedralna 7 m. 3 (brama I piętro)

od godz. 6 — 7-30 wiecz.

SZKOŁA KOEDUKACYJNA I PRZEDSZKOLE

z prawami szkół państwowych

ZOFJI WAJNSZTOKÓWNY

w Częstochowie, ul. N. Marji Panny 20

zawiadamia, że w najbliższych dniach zostanie uruchomiony **popołudniowy komplet froblowski.**

Ilość dzieci ograniczona.

Zgłoszenia i informacje w kancelarji.

PROSZEK DO PIECZENIA

OLEJKI DO PIECZENIA



BUDYNIE
GALARETKI
LEGUMINY
BARSZCZE
I.T.P. I.T.P.

Chcesz uniknąć kryzysu kupuj wyroby krajowe firmy „Liliput“ są lepsze.

SKŁAD FUTER

MAURYCY KORNBERG
PANNY MARJI 6,
I piętro, tel 259

איז פערזעהען צום קומענדען סעזאָן 1932/33 אין א גרויסען אויסוואַהל

פון פערשיעדענער פוטער׳ס ווי: **פעל, בלאמען, ליסען** א. ד. ג.

אויף׳ס לאגער **פערטיגע פוטערנע מארינארקעס**

לויט די לעצטע פאריזער מאָדעלען.

זעהר ביליגע פרייזען. זעהר ביליגע פרייזען.

אלגעמיינע פערזאמלונג פון יודי-שען פריזיר-צעך.

פערגאנגענע וואָך איז אין אייגענעם לאָקאל פאָרגעקומען די אלגעמיינע פערזאמלונג פון יודישען פריזיר-צעך.

די פערזאַמלונג עפענט דער מיסטוש ה׳ י. גאָלדבערג, אלס פאָרזיצער ווערט אויסגעוועהלט ש. וו. ווינדמאַן, אלס בייזיצער די ה״ה ס. גרויזאם און לעווי, אָלס סעקרעטאר מאַג. זאָרסקי.

עס גיבען אָב בעריכטען די ה״ה גאָלדבערג און זאָרסקי, וועלכע ווערען איינשטימיג גענומען צו קענטניס.

די וואהלען גיבען פאָלגענדען רעזולטאַט:

אָלס צעך-מיסטוש ווערט אויסגעוועהלט ה׳ י. גאָלדבערג, אָלס פער-טרעטער ה׳ ס. מיטלער, אָלס פאָד-כמארשעס ה״ה ס. גרויזאָם און י. שענוואלד. אין דער פערוואָלטונג: ש. יעדלינסקי, לעווי, פוקס, ניישטעטער, ריכנער און אלס קאַסירער ה׳ יחיאל מסטאָווסקי.

נאָכדעם ווי עס ווערען נאָך אָנגענומען עטליכע פרייע פאָרשלאגען ווערט די פערזאמלונג געשלאָסען.

אַקטועלע דערגענצונגס-קורסען.

לעצטענס לאָזט זיך בעמערקען, אַז וואָס אַמאָל מעהר פיהרען-איין פערשידענע האָנדעלס-אונטערנעהמונגען, פאָרמעלע האָנדעלס-ביכער, וועלענדיג געניסען פון הנחה-שטייערן. א חוץ דעם זעהט-פאָר דער נייער שטראָף-קאָדעקס צו פערברייטערן דעם צוואנג צו פיהרען ביכער אויף פיעל אונטערנעהמונגען.

עס אונטערליגט דעריבער קיין ספק נישט, אַז טראָץ דעם, וואָס עס איז איצט נישטאָ קיין איבערפלוס פון אַרבייט, וועט דאס ווירטשאַפטליכע לעבען בעווייזען אין קורצען אַן אָנפראָגע אויף בוכהאַלטערען. אזעלכע טאָקי קוואָליפיקאציעס בעזיצען די אַבסאָלווענטען פון די עקזיסטירענדע שוין עטליכע יאָהר האַנדעלס-און בוכאַלטעריע-קורסען פון אינזש. קאמ. ה. שפיץ און אבסאָלווענט פון וו. ש. ה. — ס. מאַרקאָוויטש.

די אַבסאָלווענטען פון די דאָזיגע קורסען ברענגען שפעטער גרויס נוצען, מחמת די לעהרע אויף די קורסען ווערט הויפּטזעכליך געפיהרט פראקטיש און פאַכמעניש. אין דער ערשטער רייה ווערט אַכט געלעגט אויף בוכפיהרונג לויט די נייעסטע מעטאָדען, האָנדעלס-אריטמעטיק, האַנדעלס-לעהרע, ווי אויך די אזוי-נויטיגע היינט-צו-טאָג קענטניסען פון שטייערן וועזען.

די לעקציעס פון דער פראַנצויזישער שפּראַך אויף די שפּראַך-אָווענד-קורסען פון פּראָפ. וויינשטאָק האבען זיך שוין אָנגעהויבען. אַנדערע שפראכען — אין קורצען. פאר די פערשפעטיגטע קומען פאָר ספעציעלע צוגאָב-לעקציעס.

די קורסען, וועלכע ווערען שוין עטליכע יאָהר אָנגעפיהרט דורכ׳ן רוטינירטען פעדאַגאָג און לינגוויסט פּראָפ. לעאָן וויינשטאָק וועלען, געוויס, אויך דעם סעזאָן צאָהלרייך בעזוכט ווערען, בפרט אז דער פרייז איז א מינימאלער (פון 10 זל. מאָנאַטל).

פון „הנוער הציוני״.

אין קורצען פאָהרט אָב פון פוילען קיין ארץ-ישראל די ערשטע פּאַרטיע חלוצים פון „הנוער-הציוני״, וועלכע בעשטייט פון קרוב 50 מאָן.

בכלל איז צו מערקען, דאָס נאָך די לעצטע קאָנפערענץ אין ביסטרע, איז דער „הנוער-הציוני״ צוגעטרעטען צו זייער ארבייט אין פולען ברען.

דער ערשטער אָנזאָג איז — דער אָבפאָהר פון די ערשטע פּאַרטיע חלוצים.

א בלימעל-טאָג פאר „מלביש ערומים״.

מאנטאג, דעם ערשטען טאג חול-המועד קומט פּאָר א בלימעל-פערקויף לטובת דער געז. „מלביש ערומים״.

היי-יאָהר וועט בעקליידט ווערען ביז 75 קינדער. עס פעדינט דעריבער אונטערגעשטיצט צו ווערען פון דער היגער יוד. געזעלשאפט.

Optyk Medical, Aleja 31.

Kino „Atlantic“.

פון מאנטאג, דעם 17 אָקטאָבער און ווייטער. אַנ׳אויסערגעווערנליך אינטערעסאַנט שפּאַנענד בילד אין א נייער אויפפאסונג געשילדערט דאס לעבען פון יודישע עמיגראנטען אין אמעריקא א. ג.

צוויי דורות.

איבערן פראָגראַם:

די וואונדער פון די ים-טיפענישען.

דער גאנצער פראָגראַם ווערט אילוסטירט מיט קלאַנג-מוזיק.

בילעטען פון 49 גר. אָן.

אָנפאַנג 5 נאכמ., שבת 4 נאכמ.

אף ברי, דער ווינטער ריקט צו, איז נויטיג עלעקטרי,

דעריבער, ווען איהר דאַרפט וואָס פון עלעקטרישע ארבייט, בעזוכט די לאנגיעהריגע עלעקטרישע פירמע פון

מ. ערליך, אלעע 19
וואלנאשטשי 19

אָדער פילסודסקי 21

וואו עס ווערען אויסגעפיהרט **אלעראַרט עלעקטרישע אינסטאלאציעס** ווי אויך **אלע רעפּעראציעס.**

אלעס ווערט אויסגעפערטיגט שעהן, רעיעל, סאָליד **און ביליגער ווי איבעראל.**

צו מיינע געערטע קונדשאַפט!

דערמיט בין איך מודיע, דאס אָנהויבענדיג פון 1 טעפּטעמבער ד. י. איז ליקווידירט געוואָרען אונזער שותפות-געשעפט, וועלכעס ווערט אבער ווייטער געפיהרט אונטער דער פירמע

M. A. LASTMAN, Aleja № 5

צום ווינטער-סעזאָן איז מיין לאגער פערזעהן מיט א גרויסען אויסוואהל פון אלערליי מאָדערנסטע שטאָפען פאר **מענער** און **דאמען פון די בעסטע קוואליטעטען.**

אלעס צו פאבריקס = פרייזען.

נעמענדיג אין אכט מיינע פאַך-קענטנישען און רעיעלע בעהאנדלונג זינט איינינע 20 יאָהר האָף איך דאס די ג׳ קונדשאפט וועט מיך ווייטער בעעהרען מיט זייער צוטרוי.

מיט אכטונג

M. A. LASTMAN, I-sza ALEJA № 5

skład towarów manufakturnych.

בעמערקונג: אויך בעזיצען מיר א גרויסען אויסוואהל פון אלערליי **סחורות אויף קינדער אנצוגלעך און פאלטענדלעך צו שפּאָט ביליגע פרייזען.**

„Grand-Kino“

קאָשטשושקי גאַס.

לעצטער סעאַנס 9.40 אוו.

קרזעסלאָ 1 זלאָטי.

לעצטע טעג — דער לאנג-ערוואַרטעטער גרעסטער שלאַגער פון דער אייראָפּעאישער קלאַנג - פילמען - פּראָדוקציע

KONGRES TAŃCZY

אין די הויפּט-ראָלען: **ליליאַן האַרוועי, האנרי גאַרא, אַרמאַן בערנאַר, ליל דאַגאָווער.**

אויסער׳ן פּראָגראַם נייעסטע קלאַנג=אַקטואליטעטען.

Teatr „ODEON“

פאלעע 27.

לעצטער סעאַנס 10 אָווענד.

אויף׳ן 1 סעאַנס קרזעסלאָ 80גר

היינט און ווייטער! דער נייעסטער פּוילישער פילם פונ׳ם רעזשיסער לעיטעס.

DZIKIE POLA

דראמע פון 10 אַקטן פון פערשיעדענע נאַציאָנאליטעטען, ענטלאָפען פון באָלשעוויסטישען געפאַנגענשאַפט, וועלכע קעמפען וועגען איין פרוי. הויפּט-ראָלע: **דאַניטא אַרצישעווסקאַ.**

איבער׳ן פּראָגראַם „פּאַראַמאונט-קלאַנג-וואָך״.

ערשטער מוסטערהאַפטער

קלאַנג-קינאָ

Nowości

לעצטער סעאַנס 9-30 אָווענד.

היינט און ווייטערע טעג.

לאַנג-ערוואַרטעטער סופּערפילם פון „פאָקס״, גלייכצייטיג מיט ווארשא

MOSKWA BEZ MASKI

פון גענ‍יאלען רעזשיסער **ראָול וואַלש,** דער שעפער פון „די וועלט אין פלאַמען״.

אין די הויפּט-ראָלען: דער גרעסטער אַקטיאָר פון אַמעריקא **לייאָנעל באַרימאָר** און די שעהנע **עליזא לאַנדי.**

מאָרגען פאָרשטעלונגען צו 49 גר. שבת ד. 15-טען 12.15 און זונטאג ד. 16-טען 12.30 א זייגער

„ברידער קאַראמאַזאָוו״.

Redaktor: Izrael Płockier   Wydawcy: B. Bocian i I. Płockier   Druk. B. Bocian, Aleja 6